# דער פרשה קוואל

צוזאמען גענומען
פון די שמועסן פון

מורינו הגה"צ
רבי אברהם אלימלך
בידרמן שליט"א

לך לך

מכון
באר האמונה

בס"ד

# דער פרשה קוואל

פאר קאמענטארן און הערות:
mail@derparshakval.com
718.484.8136

פאר גרעסערע באשטעלונגען (USA):
Wholesale@BeerEmunah.com

באקומט די גליונות וועכנטליך אין אייער אימעיל בחינם

## זיך איינצושרייבן

לשה"ק
באר הפרשה
subscribe+subscribe@beerhaparsha.com

אידיש
דער פרשה קוואל
yiddish+subscribe@derparshakval.com

ענגליש
Torah Wellsprings
Torah+subscribe@torahwellsprings.com

היספאניש
Manantiales de la Torá
info+subscribe@manantialesdelatora.com

פראנצויזיש
Au Puits de La Paracha
info+subscribe@aupuitsdelaparacha.com

איטאליעניש
Le Sorgenti della Torah
info+subscribe@lesorgentidellatorah.com

רוסיש
Колодец Торы
info+subscribe@kolodetztory.com

ארה"ב: Mechon Beer Emunah
1630 50th St, Brooklyn NY 11204
718.484.8136

בארה"ק:
מכון באר האמונה
רח' דובב מישרים 4/2
עיה"ק ירושלים תובב"א
025 688 040

יו"ל ע"י מכון באר אמונה
2024 © כל הזכויות שמורות להמכון

עס איז נישט ערלויבט איבערצודריקן אויף קיין שום צורה ואופן, אויף צו פארקויפן אדער פארשפרייטן פאר אייגענע אינטערעסן אן שריפטליכע ערלויבעניש פון די מכון

# תוכן הענינים

## פרשת לך לך

הרימותי ידי אל ה' - אין זכות פון אמונה גייט מען ארויס פון יעדע קלעם........................ ב
לפני ה' ישפוך שיחו - דער איינציגער כח וואָס מיר פאַרמאָגן, איז מיט'ן מויל..................... י
מלך מתרצה בדמעות - טרערן גייען נישט פאַרלוירן........................................ יב
ויחשבה לו צדקה - די חשיבות פון צדקה און חסד........................................... יד
אל נא תהי מריבה - אַנטלויפן פון מחלוקת............................................... טז

סדר ועימוד:
**א.י.ש. אשדוד:**
shwrtz@bezeqint.net

# לך לך

**הרימותי ידי אל ה׳ - אין זכות פון אמונה גייט מען ארויס פון יעדע קלעם**

**׳ויאמר** מלך סדום אל אברם, תן לי הנפש והרכוש קח לך. ויאמר אברם אל מלך סדום, הרימותי ידי אל ה׳ א-ל עליון קונה שמים וארץ, אם מחוט ועד שרוך נעל ואם אקח מכל אשר לך ולא תאמר אני העשרתי את אברם׳ (יד, כא-כג).

**דאַרף** מען פאַרשטיין, עס איז דאָך דער שטייגער ביי אַ מלחמה, אַז דער וואָס זיגט אין די מלחמה נעמט פאַר זיך דאָס גאַנצע רויב פונעם איינגענומענע לאַנד. אויב אַזוי, פאַרוואָס האָט אברהם מורא געהאַט אַז דער קעניג פון סדום וועט זאָגן ׳אני העשרתי את אברם׳ - איך האָב ׳רייך געמאַכט׳ אברהם אבינו ע״ה? דאָס רויב איז דאָך בכלל נישט געווען זיינס, נאָר אברהם׳ס.

**ענטפערט** דער מלבי״ם ז״ל, אַז אברהם אבינו ע״ה האָט געמיינט צו זאָגן, דער זיג אויפ׳ן שלאַכטפעלד איז בכלל נישט געווען מיינע, נאָר דער אויבערשטער איז דער וואָס פירט מלחמות, און ער איז דער וואָס זיגט אין די שלאַכטן. ׳הרימותי ידי אל ה׳ א-ל עליון׳, ׳מיין האַנט׳ האָב איך אויפגעהויבן ׳אל ה׳׳ - צו דעם אויבערשטען, ס׳איז אינגאַנצן נישט געווען ׳מיין האַנט׳ נאָר דעם באַשעפער׳ס, און ממילא, איז אויך דער רויב נישט מיינער, ווייל נישט איך בין דער זיגער. און דאָס האָט אברהם אבינו ע״ה צוגעגעבן: ׳ולא תאמר אני העשרתי את אברם׳, דאָס הייסט, אויב ער וועט נעמען פונעם רויב אַזוי ווי ס׳איז דער שטייגער פון די וואָס זיגן, וועט די האַנט זאָגן וועגן זיך, ׳אני העשרתי׳, איך האָב מיט מיין אייגענעם כח געמאַכט דעם גאַנצן פאַרמעגן, ווען באמת האָט דאָך נאָר דער אויבערשטער געמאַכט דאָס אַלעס, און נישט מיין האַנט ׳יד כהה׳.

**דאָס** איז אַ כלל ביי אַלע ענינים, אַז מיר דאַרפן זיך שטאַרקן[א] מיט אמונה פשוטה אַז נאָר דער אויבערשטער טוט אַלעס: ׳הוא לבדו עשה ועושה ויעשה לכל המעשים׳[ב]. דער מענטש אַליין, איז נישט אימשטאַנד צו טוהן קיין שום זאַך[ג].

---

**א.** עס ווערט געברענגט (׳מעשה איש׳, ח״ה, קכז) אַז אַ איד פון אויסלאַנד, האָט אַמאָל געבעטן דעם גאון בעל ׳חזון איש׳ זצ״ל, ער זאָל מיטשיקן מיט איהם דברי חיזוק פאַר די מענטשן פון זיין קהילה (געווען איז עס חול המועד סוכות, נאָך דעם ווי מ׳האָט געטאַנצט לכבוד ׳שמחת בית השואבה׳ ביי דעם ׳חזון איש׳ זצ״ל אין די סוכה, און נאָר דער איד איז געבליבן אין הויז פונעם גאון, האָט דער ׳חזון איש׳ איהם געפרעגט וואָס ער וויל, און ער האָט געענטפערט, אַז די אידן פון חוץ לארץ בעטן ׳חיזוק׳), **האָט דער** ׳חזון איש׳ איהם געזאָגט:

- דער פסוק זאָגט ביי נח (בראשית ו, ט) ׳תמים היה **בדורותיו**׳. דאָס הייסט, יעדער דור האָט זיין צדקות און חיזוק. **אין אונזער דור, אַזי דער הויפט-חיזוק צו שטאַרקן זיך אין אמונה.**

דאָס הייסט, מ׳וואַרט אין הימל אויף אונז אין היינטיגן דור, אַז מיר זאָלן זיך שטאַרקן איינמאָל און נאָך אַמאָל מיט די אמת׳ע אמונה שלימה.

**ב.** די גמרא זאָגט (ברכות יג.) בר קפרא האָט געזאָגט, דער וואָס רופט אברהם אבינו ע״ה מיט זיין פריערדיגן נאָמען ׳אברם׳, איז עובר אויף אַ מצות עשה, ווייל דער פסוק זאָגט (פרשתינו יז, ה) ׳ולא יקרא עוד את שמך אברם, והיה שמך אברהם׳.

זאָגן די ספרים (׳יצב אברהם׳, פ׳ לך׳, ועוד), אַז ׳אברם׳ איז ראשי תיבות **ר**׳בות **מ**׳חשבות **ב**׳לב **א**׳יש (ווי עס שרייבט דער ׳אגרא דכלה׳, אנהייב היינטיגע סדרה), און דער של״ה הקדוש שרייבט (שער האותיות, אות א, מו) אַז אין כלל פון דביקות אין אמונה איז, אַז **ביפאר יעדע פעולה וואָס דער מענטש וויל טוהן, זאָל ער זאָגן, איך וועל עס טוהן ׳אם ירצה השם׳**, סיי אויב עס איז אַ גרויסע זאַך אָדער אַ קליינע זאַך. און דער סימן דערפאַר איז ׳ועצת ה׳ **היא תקום**׳ (משלי יט, כא). ׳היא׳ איז ראשי תיבות **א**׳ם **י**׳רצה **ה**׳שם, און דאַן ׳תקום׳, עכ״ל.

**אין** ירושלמי (תענית פ"ד, ה"ה) ווערט דערציילט אַז 'בר כוכבא' איז געשטראָפט געוואָרן ווייל ער האָט געבעטן דעם אויבערשטען ער זאָל נישט העלפן די רוימישע חיילות אין זייער מלחמה קעגן די אידן, און ער האָט נישט געבעטן אַז דער אויבערשטער זאָל איהם העלפן אין דער מלחמה.

**איז** לכאורה שווער, 'בר כוכבא' און זיינע מענטשן זענען דאָך געווען שטאַרקער ווי די רוימער, און זיי וואָלטן בדרך הטבע געדאַרפט זיגן אין דער מלחמה. נאָר בר כוכבא האָט מורא געהאַט אַז דער אויבערשטער וועט באַווייזן אַ נס אויך מיט די רוימער, זיי זאָלן קענען זיגן אין די מלחמה כדי צו באַשטראָפן די אידן, וועגן דעם האָט ער געבעטן דעם אויבערשטען ער זאָל נישט העלפן די רוימער און נישט שטראָפן די אידן, און ממילא וועט בר כוכבא קענען באַזיגן די רוימער מיט'ן דרך הטבע. לכאורה, וואָס האָט נישט געטויגט מיט די דאָזיגע תפילה פון בר כוכבא?

**זאָגט** הגאון רבי משה פיינשטיין זצ"ל ('דרש משה', בשלח), אַז פון דאָ איז אַ ראיה, אַז עס איז נישט דאָ קיין שום הנהגה בדרך הטבע אין דעם ענין פון מלחמות. אויך ווען אַ שטאַרקער גענעראַל זיגט אין די מלחמה, איז עס נישט בדרך הטבע, נאָר בדרך נס. וועגן דעם איז געווען אַ 'טענה' אויף בר כוכבא, פאַרוואָס האָט ער בכלל געטראַכט אַז ער וועט זיגן אין די מלחמה אויב דער אויבערשטער וועט נישט באַווייזן אַ נס פאַר די רוימישע אַרמייען. ער האָט געדאַרפט גלייבן אַז אויך ווען ער זיגט איז עס נאָר אין די האַנט פון דעם אויבערשטען און בדרך נס, און ממילא, האָט ער געדאַרפט מתפלל זיין אַז דער אויבערשטער זאָל איהם העלפן פון הימל.

**דער** עיקר פון אַלעם איז אמונה, צו גלייבן אַז אַלעס איז פון דעם אויבערשטען, ווי דער 'קדושת לוי' (פ' ברכה, ד"ה 'אשריך') שרייבט פייערדיגע ווערטער אויפ'ן פסוק 'אשריך ישראל מי כמוך עם נושע בה' מגן עזרך ואשר חרב גאותיך ויכחשו אויביך לך ואתה על במותימו תדרוך' (דברים לג, כט). 'אַט דאָס איז די גאוה, אַז דו ווייסט אַז דער אויבערשטער העלפט דיר און שיצט דיך, ער איז דיין 'שווערד' מיט וועלכער דו קענסט זיי הרג'ענען'.

**לויט** דעם טייטשט דער 'קדושת לוי' דעם המשך פונעם פסוק, 'ואתה על במותימו תדרוך', ווייל די כוחות פון שלעכטס ווערן אָנגערופן 'במה', פון לשון גאווה (אַזוי ווי אַ 'במה' וואָס איז הויך) . 'ואתה' - דורך דעם וואָס דו שטאָלצירסט מיט דעם וואָס דו האָסט אַ טאַטן אין הימל, דער גרויסער באַשעפער וואָס ער שיצט דיך אויף יעדן טריט און שריט, דורך דעם וועסטו קענען, 'על במותימו תדרוך' - 'טרעטן' אויף דיינע שונאים און זיי אומברענגען, ווייל זיי שטאָלצירן מיט זיך אַליין - מיט זייער אייגענעם כוח, אָבער דו שטאָלצירסט מיט דעם אויבערשטען, 'אבינו מלכינו' - אונזער טאַטע, אונזער קעניג.

**אַזוי** לייענען מיר אין דער היינטיגער סדרה (טו, א) 'אחר הדברים האלה היה דבר ה' אל אברם במחזה לאמור, אל תירא אברם אנכי מגן לך שכרך הרבה מאד'. טייטשן צדיקים בדרך רמז, 'אנכי' איז מרמז אויף דעם אויבערשטען - 'אנכי ה' אלוקיך' - וואָס איז דער יסוד און עיקר פון די מצוה פון אמונה,

---

דאָס איז די כוונה פון דעם וואָס דער נאָמען פון אברהם אבינו איז געטוישט געוואָרן פון 'אברם' צו 'אברהם', אַז פון יעצט און ווייטער, זאָל דער מענטש נישט אַרומגיין נאָר מיט'ן געדאַנק פון 'אברם' וואָס איז ראשי תיבות ר'בות מ'חשבות ב'לב א'יש, נאָר ער זאָל צולייגן דעם אות **הי"א** וועלכע איז ראשי תיבות א'ם י'רצה ה'שם, אַזוי ווי דער נאָמען 'אברהם'. ער זאָל געדענקען דעם אויבערשטען אין אַלע זיינע אַקטיוויטעטן, און דער מענטש וואָס גלייבט נישט אין דעם איז עובר אויף אַ מצות 'עשה', ווייל **דער תכלית פונעם מענטש איז צו וויסן אַז 'עצת ה' היא תקום'** (זעה אויך 'אמרי אמת', ליום א' דחג הסוכות, תרע"ג).

**ג.** דער 'דברי ישראל' טייטשט דעם פסוק אָנהייב היינטיגע פרשה (יב, א) 'לך לך מארצך וגו' אל הארץ אשר אראך'. דער אויבערשטער האָט געזאָגט צו אברהם אבינו ע"ה, **'לך לך'** - גייט אַוועק פון דעם געדאַנק אַז אַלע 'ארציות'דיגע' ענינים זענען **'ארצך'** - 'דיין ארציות'... עס ווענדעט זיך אין דיינע מעשים און אין דיינע השתדלות'ן, נאָר דו זאָלסט אייביג געדענקען **'אל הארץ אשר אראך'** איך שטעל-צו אַלע דיינע באַדערפענישן, און איך געב דיר דאָס 'ארציות' און גשמיות...

און אַזוי האָט דער אויבערשטער געזאָגט צו אברהם האָבן[ד]. 'אנכי' - די אמונה איז בכח דיך צו באַשיצן
אבינו ע"ה: 'אל תירא אברם' - דו דאַרפסט נישט מורא מכל צרה וצוקה שלא תבוא[ה], און אַוועקצושטופּן די

---

**ד.** דער פסוק זאָגט (שמות יג, יז) 'ויהי בשלח פרעה את העם, ולא נחם אלוקים דרך ארץ פלשתים כי קרוב הוא, כי אמר אלוקים פן ינחם העם בראותם מלחמה ושבו מצרימה'. איז שווער, וואָס איז געווען די מורא אויב עס וועט זיין אַ מלחמה, דער אויבערשטער קען דאָך ברענגען אַן 'עמוד ענן', וואָס זאָל אַוועקגעשטעלט ווערן צווישן די און די פלשתים, און דער 'עמוד ענן' וועט אַרייננעמען אין זיך אַלע פיילן וואָס די פלשתים וועלן שיסן, פּונקט אַזוי ווי דער עמוד ענן האָט געטוהן נאָך דעם ווי די מצריים האָבן געטראָפן די אידן רוהען אויפ'ן ים?

ענטפערט דער גאון רבי משה פיינשטיין זצ"ל, אַז וויבאַלד ווען די אידן זענען אַרויסגעגאַנגען פון מצרים האָבן זיי נאָך נישט געהאַט אַזאַ שטאַרקן בטחון אין דעם אויבערשטען, ווי דער דערמאַנטער פסוק זאָגט 'פן ינחם העם בראותם מלחמה', וועגן דעם האָט ער נישט געקענט מאַכן מיט זיי אַזאַ גרויסן נס, ווייל **דער אויבערשטער שיצט און היט אידישע קינדער לויט וויפיל בטחון זיי האָבן**, און וועגן דעם האָט ער זיי אַרומגעפירט אין מדבר, און ער האָט זיי נישט געפירט דורכ'ן לאַנד פלשתים.

ממילא, דאַרפן מיר זיך שטאַרקן מיט בטחון אין דעם גרויסן באַשעפער, דער 'שומר עמו ישראל לעד', און דורך דעם איז מען זוכה צו זיין די ישועה פון באַשעפער.

וועט דער מענטש זאָגן: פון וואו זאָל איך נעמען די אמונה און בטחון אַז דער אויבערשטער וועט מיר העלפן? איך ווייס דאָך זייער גוט מיין 'מצב' ברוחניות, און איך בין נישט ראוי אַז איך זאָל זוכה זיין צו אַ נס און אַ ישועה.

איז דער תירוץ, ווי דער הייליגער ראָפּשיצער רב זי"ע שרייבט (זרע קודש', ליל ה' דחנוכה'), אַז אויב דער מענטש זאָגט, גאַנץ רעכט אויב איך וואָלט געווען אַ צדיק, וואָלט איך זיך געקענט פאַרזיכערן אויף דעם אויבערשטען אַז ער וועט נישט אַראָפּנעמען פון מיין שכר, אָבער איך ווייס דאָך יאָ אַז איך האָב נישט יוצא געווען מיינע פליכטן אַנטקעגן דעם אויבערשטען ברוך הוא, און אויב אַזוי, ווי אַזוי קען איך זיך פאַרזיכערן אויף דעם אויבערשטען אַז ער וועט מיט מיר טוהן טובות אפי' אויב עס קומט מיר נישט. זאָל ער וויסן, אַז **דאָס איז די עצה פונעם יצר הרע**, און דאָס איז נישט ריכטיג, ווייל דער אויבערשטער איז דער 'טוב ומטיב לרעים ולטובים', און 'טוב ה' לכל'.

זאָגט דער ראָפּשיצער רב זי"ע, ווייטער, 'בטחון' איז פון לשון צוקלעבן (אַזוי ווי 'טיחה'). דאָס הייסט, דער מענטש זאָל זיך 'אָנקלעבן' אין זיין בטחון, און עס זאָל זיך בשום אופן נישט אָפּטוהן פון איהם.

לויט דעם, טייטשט ער דעם פסוק 'והאמין בה' ויחשבה לו צדקה'. **אברהם אבינו ע"ה האָט געגלייבט אַז כאָטש ער איז נישט ראוי, ער פאַרדינט נישט לויט זיינע מעשים צו אַלע חסדים וואָס דער אויבערשטער טוט מיט איהם**, אַזוי ווי ער האָט געזאָגט 'ואנכי עפר ואפר', **וועט אָבער דער אויבערשטער דאָך טוהן מיט איהם אַ צדקה.** ער האָט זיך פאַרזיכערט אויף דעם אויבערשטען אַז ער וועט טוהן מיט איהם די צדקה.

דאָס דאַרפן מיר אַלע - קינדער פון אברהם אבינו ע"ה - אַראָפּלערנען פון איהם, צו גיין אינעם וועג פון אונזערע הייליגע אבות.

**ה.** אַזוי האָט הרה"ק רבי מרדכי לעכעוויטשער זי"ע געטייטשט די ווערטער פון די משנה (ברכות מ.) 'ועל כולם אם אמר שהכל נהיה בדברו יצא', אַז **דער וואָס זאָגט אויף 'אַלעם'** ('שהכל') **וואָס קומט אויף איהם** (אויך אויב עס זעהט אויס אַזוי ווי דינים ח"ו) **אַז עס איז 'נהיה בדברו' - אויפ'ן באַפעל פון דעם אויבערשטען, 'יצא' - וועט ער אין דעם זכות, 'אַרויסגיין' און פטור ווערן פון אַלע זיינע צרות און יסורים.**

הרה"ק בעל 'נתיבות שלום' זי"ע, האָט דערציילט, אַז אין זיינע גאָר יונגע יאָרן, אין צייט פון דער ערשטער וועלט מלחמה, זענען דייטשע סאָלדאַטן אַריינגעקומען אין הויז פון זיין טאַטן, הרה"ח רבי משה אברהם ברזובסקי ז"ל הי"ד אין באַראַנאָוויטש, און באַפוילן דאָס גאַנצע הויז זיך צו שטעלן ביי דער וואַנט, מיט'ן פנים צו דער וואַנט, וועלנדיג דערשיסן צום טויט רח"ל די גאַנצע משפּחה ה"י. האָט רבי משה אברהם געבעטן זיין זון, הג"ר נחום זאב זצ"ל, ער זאָל איהם ברענגען אַ גלאָז וואַסער, כדי ער זאָל קענען מאַכן די ברכה 'שהכל נהיה בדברו'.

ווען זיין זון האָט איהם דערלאַנג דעם גלאָז וואַסער, האָט רבי משה אברהם געמאַכט די ברכה 'שהכל נהיה בדברו' מיט כוונה, און אָט האָט מען געהערט אַ קול פון דער גאַס אַז די רוסישע אַרמיי איז אַריינגעקומען אין שטאָט, און די דייטשע סאָלדאַטן האָבן געמוזט אַרויסגיין כדי צו קעמפן מיט די רוסישע זעלנער. אַזוי איז די

פורעניות. 'שכרך הרבה מאוד' - דו וועסט באַקומען אַסאַך שכר פאַר דיין אמונה'[ו].

**דאָס** איז ווי אַ 'נבואה' פאַר אַלע דורות, פאַר יעדן איינצלנעם איד וואָס שטאַמט פון אברהם אבינו

---

ברזובסקי פאמיליע געראַטעוועט געוואָרן פון אַ זיכערן טויט ה"י. זעלבסט-פאַרשטענדליך, אַז זיי האָבן געזאָגט פאַר זייער טאַטן, אָט האָסטו דאָ באַוויזן אַ מופת... האָט רבי משה אברהם געזאָגט:

- עה, 'לא מיניה ולא מקצתיה'. כ'האָב בכלל נישט געפראַוועט קיין מופת... נאָר **איך האָב בקבלה, אַז ווען מ'זאָגט די ברכה 'שהכל נהיה בדברו' מיט דער גאַנצער אמונה אין דעם באַשעפער ברוך הוא, איז עס אַ סגולה פאַר המתקת הדינים.**

**ו.** דער גאון רבי מאיר לוריא שליט"א, ראש כולל חלקת יעקב, דערציילט אַ מעשה וואָס ער האָט געהערט פון דעם בעל העובדא, וועלכער איז אַרויפגעקומען אין ארץ ישראל אַלס פליט נאָך די ביטערע צווייטע וועלט מלחמה צוזאַמען מיט זיין שוועסטער, 'אודים מוצלים מאש'. דער בחור איז אַריינגעגאַנגען לערנען אין אַ ישיבה, וואו ער איז אויסגעשטיגן במעלות התורה והיראה, און זיין שוועסטער איז געגאַנגען לערנען אין 'בית יעקב'. ווען די שוועסטער איז עלטער געוואָרן, האָט מען איר אָנגעטראָגן אַ שידוך מיט אַ בחור אַ שומר תורה ומצוות, אָבער ער האָט נישט געלערנט אין אַ ישיבה, אַזוי אַז ער איז נישט געווען אַ 'בן תורה'. נאָך זיך אויספרעגן און מאַכן פאַרשידענע בירורים מצד ביידע צדדים, זענען ביידע איינגעגאַנגען אויפ'ן שידוך, און זענען שוין געווען גרייט צו ענדיגן בשעה טובה ומוצלחת. דער ברודער פונעם מיידל, האָט אָבער נישט מסכים געווען צום שידוך, זייענדיג ביי דער מיינונג אַז וויבאַלד דער בחור איז נישט אַ 'בן תורה' (כאָטש ער פירט זיך ערליך און פרום, ווי ס'איז געווען שכיח אין יענע יאָרן, אַז נישט אַלע פרומע בחורים האָבן געלערנט אין ישיבה), **פּאַסט** עס נישט פאַר זיין שוועסטער, אַ 'בית יעקב' תלמידה, חתונה צו האָבן מיט איינעם וואָס איז נישט אַ 'יושב אהלים'...

זענען אַלע דריי, דער ברודער און די שוועסטער, צוזאַמען מיט'ן בחור, געגאַנגען צום גאון בעל 'חזון איש' זי"ע, צו הערן זיין מיינונג אין דעם ענין. דער 'חזון איש' האָט אויסגעהערט אַלע צדדים, און גע'פסק'ענט אַז דער ברודער פון דער מדוברת האָט אַ גערעכטע טענה, און זי דאַרף טאַקע נישט חתונה האָבן מיט אַ בחור וואָס איז נישט אַ בן תורה, און זיי האָבן פאַרלאָזט דאָס הויז פונעם גאון.

ווען זיי זענען שוין געשטאַנען ביי דער אויטאָבוס-סטאַנציע אויף דער אַנדערער זייט גאַס, איז געקומען צו לויפן איינער פון די שטוב-מענטשן פונעם 'חזון איש', און געזאָגט אַז דער רבי, דער 'חזון איש', האָט איהם געשיקט ער זאָל זיי צוריקרופן. ווען זיי זענען אַריינגעקומען, האָט דער 'חזון איש' געפרעגט דעם ברודער פון דער מדוברת, וואָס דער בחור, דער מדובר, האָט געענטפערט נאָך דעם ווי ער האָט געהערט מיין (דעם חזון איש'ס) ענטפער. האָט דער ברודער געענטפערט, אַז דער בחור האָט אויפ'ן אָרט באַלד געענטפערט, אַז **אויב דאָס איז דער מצב** (אַז דער 'חזון איש' זאָגט אַז ס'איז נישט אַ פּאַסיגער שידוך), **איז דאָך דאָס אַ סימן פון הימל אַז אַזוי איז דער רצון פון באַשעפער אַז דער שידוך זאָל נישט צושטאַנד קומען...** האָט דער 'חזון איש' געזאָגט:

- **ס'איז גאַנץ מעגליך, אַז דאָס איז די סיבה פאַרוואָס באַלד ווען איר זענט אַרויס פון מיין הויז, האָב איך זיך באַרעכנט און געטוישט מיין מיינונג, טראַכטנדיג אַז ס'איז אפשר יאָ כדאי צו ענדיגן דעם שידוך למזל טוב...**

דער לימוד פאַר אונז פון דער מעשה איז: יעדער איינער ווייזט דאָך, ווי דער 'חזון איש' זצ"ל איז געווען אַ פוסק וועלכער האָט מכריע געווען און געענטפערט שווערע שאלות, אויך ווען עס האָט זיך געהאַנדלט פון לעבן אָדער פאַרקערט ח"ו און אין ענינים פון 'פיקוח נפש', און זיין הכרעה איז געווען אַ הכרעה... און מ'האָט קיינמאָל נישט געהערט אַז ער האָט חרטה געהאַט און צוריקגעצויגן פון אַ פסק-הלכה און פון זיין דעת תורה... אָבער ווען אַ איד שטאַרקט זיך מיט אמונה אַז 'הכל בידי שמים' - אַלעס איז פון דעם באַשעפער, און ער נעמט אויף זיך דעם דין, טוט ער דעמאָלס איבערדרייען גאַנצע וועלטן מיט זיין שטאַרקע אמונה, אַזש אַז אויך די מיינונג פונעם 'חזון איש' קען זיך איבערדרייען...

אט דעם יסוד, שרייבט דער גאון רבי חיים וואָלאָזשינער זי"ע, אין 'נפש החיים' (שער ג, פי"ב): **באמת איז עס אַ גרויסער ענין און אַ וואונדערליכע סגולה, אָפּצוטוהן און בטל צו מאַכן פון זיך אַלע דינים און אַנדערע רצונות, אַז זיי זאָלן נישט קענען געוועלטיגן איבער איהם, און זיי זאָלן אינגאַנצן נישט מאַכן אַ רושם, ווען דער מענטש באַשטימט ביי זיך אין האַרץ מיט אַ פעסטקייט אַז דער אויבערשטער איז דער אמת'דיגער באַשעפער, און 'אין עוד מלבדו', אויסער דעם אויבערשטען איז נישט דאָ קיין שום כוח אויף דער וועלט, און ער קוקט נישט אויף קיין שום כוח און רצון אויף דער וועלט. ווען ער איז משעבד זיין מחשבה נאָר צו דעם אויבערשטען ברוך הוא, וועט דער**

ע"ה, 'אל תירא' זאָלסט נישט מורא האָבן פאַר קיין זאַך! נאָר שטאַרק זיך מיט די ידיעה אַז 'אנכי מגן לך', דער באַשעפער שיצט דיך, און דיין אמונה[ז] וועט דיך טאַקע שיצן[ח].

---

**אויבערשטער איהם טאַקע העלפן אַז עס זאָלן ממילא בטל ווערן פון איהם אַלע כוחות און רצונות אויף דער וועלט, און זיי זאָלן נישט קענען אויפטוהן אויף איהם קיין שום פעולה.**

דער שינאָווער רבי, כ"ק אדמו"ר רבי אברהם מנחם וואַגשאַהל זצ"ל (וועלכער האָט בערוב ימיו געלעבט אין מאָנסי און איז נסתלק געוואָרן פאַריאָר) האָט דערציילט וואָס ער האָט געדענקט פון זיינע יונגע יאָרן פאַר דער צווייטער וועלט מלחמה. ס'איז דעמאָלס געווען דער סדר אַז די קינדער האָבן געלערנט ביי דעם 'מלמד', אין אַ צימער נעבן דער ביהמ"ד. מ'פלעגט נישט טוישן מלמדים יעדעס יאָר, נאָר ער פלעגט 'אַרויפגיין' צוזאַמען מיט זיי, און די בחורים פון 15 יאָר און עלטער זענען אַריבערגעגאַנגען לערנען אין בית המדרש.

דער מלמד פלעגט אַרומגייט מיט זיין 'כלי אומנות' - די בייטש... כדי אָנצוואוואַרפן אַ מורא אויף די קינדער, זיי זאָלן נישט 'ווילדעווען', נאָר זיצן רואיג און אויסהערן וואָס מ'לערנט. און נישט נאָר דאָס, נאָר אויפ'ן שפיץ פונעם בייטש איז געווען אָנגעהאָנגען אַ לעדערנער פּאַסיק... אַזוי אַז אויב איינער פון די תלמידים איז חלילה געווען אין דער בחינה פון אַ 'שוטה אינו מרגיש', האָט ער איהם 'דערלאַנגט' מיט'ן קאַנטשיק אַז ער זאָל 'האָבן צו געדענקען' אויפ'ן אייגענעם לייב דעם צייכן פונעם קאַנטשיק...

איינמאָל פרשת ויחי, האָבן די תלמידים געלערנט ביי דעם מלמד חומ"ש-רש"י, און ביי די ברכות פון יעקב אבינו ע"ה האָבן זיי זיך געמוטשעט צו פאַרשטיין יעדן פסוק לויט'ן פשוט'ן פשט. ווען דער מלמד איז אַרומגעגאַנגען צווישן די תלמידים, האָט ער זיך אָפּגעשטעלט ביי איינע פון די קינדער און איהם געפרעגט, זאָג מיר נאָך פשט אין פסוק: 'גד גדוד יגודנו'... דאָס פנים פונעם תלמיד האָט אויפ'ן אָרט 'געטוישט קאָלירן', פון גרויס פחד, נישט ווויסנדיג וואָס צו ענטפערן... בלית ברירה, האָט ער אויסגעטראַכט אַן אייגענעם 'פשט', אויף דער אידישער שפּראַך. ער האָט געזאָגט: **'גד גדוד יגודנו' - וואָס גאָט געבט, איז גוט...**

אַ באַגייסטערטער פון דעם 'גאונישן' פשט פונעם קינד, איז דער מלמד אַריינגעלאָפן אין בית המדרש מיט דער בייטש אין האַנט... און איבער'גע'חזר'ט פאַר די אידן אין ביהמ"ד דעם פשט וואָס דאָס קינד האָט געזאָגט... אַזאַ פשט פון אַ תלמיד, וואָס גאָט געבט איז גוט...

אַז מ'איז זיך מתבונן אין די מעשה, לערנט מען א מורא'דיגע לימוד דערפון. **דער 'שטעקן' איז געווען גרייט צו שלאָגן דעם תלמיד מיט גוטע קלעפּ... נאָר וואָס דען, וויבאַלד ער האָט אויסגערופן מיט אַ ריינע אמונה, אַז אַלעס וואָס דער אויבערשטער געבט און טוט איז גוט, האָט דאָס גורם געווען אַז די גזירה פונעם 'שלאָגן מיט'ן קאַנטשיק' איז בטל געוואָרן לטובה ולברכה.**

אויך קען מען לערנען פון די מעשה, דאָס יונגל וואָס האָט געזאָגט זיין 'פשט' אינעם פסוק 'גד גדוד יגודנו', האָט דאָך נישט געזאָגט זיין פירוש 'פאַרשטייענדיג' וואָס ער זאָגט אַרויס פון מויל... ער האָט דאָך סתם געוואָרפן אַ 'פשט', כדי זיך צו ראַטעווען פון די קלעפּ פונעם מלמד... און מיט דעם אַלעם, איז ער געראַטעוועט געוואָרן אַדאַנק זיינע דערמאַנטע ווערטער. דאָס זעלבע איז מיט **יעדן איד וואָס געפינט זיך חלילה אין אַ קלעם, און ער האָט נישט דעם קאָפּ צו טראַכטן מחשבות פון אמונה, אָבער אויב ער רופט אויס מיט'ן מויל איינמאָל און נאָך אַמאָל, איך גלייב אַז דער אויבערשטער טוט דאָס אַלעס פאַר מיין טובה, וועט ער אין דעם זכות גופא, געראַטעוועט ווערן פון אַלע צרות און אַלע גזירות וועלן בטל ווערן.**

**ז.** הרה"ק בעל 'פני מנחם' זי"ע, האָט דערציילט, אַז יונגערהייט האָט ער אַמאָל געפרעגט זיין טאַטן, הרה"ק בעל 'אמרי אמת' זי"ע, אויף דעם פסוק אין דער היינטיגער פרשה (יג, ג) 'וילך למסעיו', זאָגט רש"י, 'בחזירתו פרע הקפותיו' - ווען אברהם אבינו ע"ה איז צוריקגעקומען פון זיין נסיעה, האָט ער באַצאָלט זיינע חובות. דאָס הייסט, ווען ער איז געווען אויפ'ן וועג קיין מצרים האָט ער געבאָרגט געלט פון מענטשן, און יעצט, ווען ער איז צוריקגעקומען פון מצרים, איז ער אַדורכגעגאַנגען דורך יענע פלעצער כדי צוריקצוצאָלן די חובות פאַר די מענטשן וואָס האָבן איהם פריער געבאָרגט דאָס געלט.

האָט דער 'פני מנחם' געפרעגט זיין טאַטן, דעם 'אמרי אמת': לכאורה דאַרף מען פאַרשטיין, ווי אַזוי האָט אברהם אבינו ע"ה געקענט באָרגן אויפ'ן וועג גייענדיג קיין מצרים, ווען ער האָט נישט געוואוסט פון וואו ער וועט האָבן דאָס געלט צוריקצוצאָלן די חובות, און ער האָט נישט חושש געווען אַז ער וועט חלילה זיין אין כלל פון אַ 'לוה רשע ולא ישלם'...

האָט דער 'אמרי אמת' איהם געענטפערט: דער אויבערשטער האָט דאָך איהם שוין צוגעזאָגט אַז ער וועט איהם גרויס מאַכן מיט אַ גאָר גרויסע עשירות, און וויבאַלד אברהם האָט געהאַט אַזאַ שטאַרקע אמונה אין דעם אויבערשטען, וויסנדיג אַז ער איז מקיים זיינע פאַרזיכערונגען, איז ער געווען זיכער ביי זיך, אויסער יעדן צווייפל, אַז ער וועט טאַקע זוכה זיין צו רייכטום און ער וועט קענען באַצאָלן זיינע חובות.

האָט דער 'פני' מנחם' ווייטער געפרעגט זיין גרויסן טאַטן: גוט, גאַנץ רעכט אַז אברהם אבינו ע"ה האָט טאַקע געבאָרגט געלט אויפ'ן סמך פון זיין בטחון אויף דעם אויבערשטען, אָבער ווי אַזוי האָבן די מענטשן וואָס האָבן איהם געבאָרגט דאָס געלט, געגלייבט אַ פרעמדן 'דורכגייער', אַז ער וועט קענען באַצאָלן זיינע חובות, אין דער צייט ווען ער האָט נישט פאַרמאָגט אַפילו אַ פרוטה?

האָט דער 'אמרי אמת' איהם געענטפערט, אַז אברהם האָט געהאַט אַזאַ שטאַרקע אמונה, אַז **מיט זיין אמונה, האָט ער משפיע געווען אויך אויף די אַנדערע מענטשן, אַז זיי זאָלן אויך גלייבן אין דעם אויבערשטען'ס הבטחה...**

פון דעם קענען מיר אויך לערנען אַ יוסדות'דיגע דערהער אין חינוך הבנים, ווי אַזוי מ'קען ערציהען די קינדער מיט די יסודות פון אמונה, אַז אויך זיי זאָלן גלייבן אין דעם אויבערשטען אָן מורא, ווייל דער מענטש דאַרף איינוואָרצלען זיין אמונה אין דעם אויבערשטען זעלבסט, ביז ער וועט ווערן אין דער בחינה פון אַ 'טופח על מנת להטפיח', און משפיע זיין פון זיין אמונה אויך אויף אַלע זיינע בני בית און אַלע אַרומיגע בכלל, אַז אויך זיי זאָלן קענען ביישטיין מיט שטאַרקייט יעדן נסיון, ביי יעדע צרה שלא תבוא.

די גמרא (שבת קנו:) ברענגט אַ מעשה, וועגן די טאָכטער פון דעם הייליגן תנא רבי עקיבא, אַז נאָך דעם ווי זי איז געבוירן געוואָרן, האָבן די שטערן-זעהער געזאָגט צו רבי עקיבא אַז אין דעם טאָג ווען זי וועט חתונה האָבן וועט אַ שלאַנג איר בייסן און זי וועט שטאַרבן. יענעם טאָג, נאָך די חתונה-סעודה, האָט די כלה גענומען די צירינג וואָס זי האָט געהאַט אויפ'ן קאָפּ און עס אַריינגעשטעקט אין דער וואַנט, און צומאָרגענס אינדערפרי, ווען זי האָט עס אַרויסגעצויגן פון דער וואַנט האָט זי געזעהן אַז עס איז אַריינגעשטעקט געוואָרן אין דעם אויג פון אַ שלאַנג, און דער שלאַנג איז אַרויסגעצויגן געוואָרן צוזאַמען מיט די צירינג.

ווען זי האָט דערציילט פאַר איר הייליגן טאַטן דעם תנא רבי עקיבא וואָס דאָ האָט פאַסירט, האָט רבי עקיבא איר געפרעגט וואָס פאַר אַ מצוה זי האָט געטוהן, וואָס אין דעם זכות איז זי געראַטעוועט געוואָרן פונעם שלאַנג וואָס איז געקומען איר בייסן. האָט זי געענטפערט, אַז נעכטן ביי דער חתונה-סעודה איז געקומען אַן אָרימאַן און אָנגעקלאַפּט אויפ'ן טיר בעטנדיג אַ נדבה. אַלע באַטייליגטע אין די חתונה זענען אָבער געווען פאַרנומען מיט די שמחה און האָבן נישט אין אַכט גענומען דעם אָרימאַן. 'בין איך אויפגעשטאַנען און איך בין צוגעגאַנגען צו איהם, און איהם דערלאַנגט די פּאָרציע וואָס מ'האָט צוגעגרייט פאַר מיר, און איך האָב עס אַוועקגעשאָנקען פאַר דעם אָרימאַן', האָט זי דערציילט פאַר איר טאַטן.

האָט רבי עקיבא איר געזאָגט: 'דו האָסט געטוהן אַ מצוה', און ער איז אַרויסגעגאַנגען און גע'דרש'ענט אויף דעם פסוק (משלי י, ב) 'צדקה תציל ממות', אַז נישט נאָר פון אַ מיתה משונה ווערט מען געראַטעוועט ווען מ'געבט צדקה, נאָר פון דעם עצם טויט [דאָס הייסט, דער כח פון צדקה איז אַזוי גרויס, אַז עס ראַטעוועט נישט נאָר לייכטער צו מאַכן דעם דין פונעם מענטש וואָס האָט געגעבן צדקה אַז ער זאָל נישט שטאַרבן ח"ו מיט אַ מיתה משונה רח"ל, נאָר עס ראַטעוועט פון טויט בכלל, ווי מיר זעהען אַז די טאָכטער פון רבי עקיבא איז געבליבן לעבן].

פרעגט דער 'בן יהוידע', וואָס האָט רבי עקיבא מוסיף געווען מיט'ן זאָגן די ווערטער 'מצוה עבדת' - דו האָסט געטוהן אַ מצוה. ס'איז דאָך פשוט און זעלבסט-פאַרשטענדליך, אַז זי האָט דאָ מקיים געווען אַ מצוה?

ענטפערט דער 'בן יהוידע', אַז ער האָט געמיינט צו זאָגן, **אויך יעצט, מיט'ן דערציילן מיר וועגן דעם, האָסטו געטוהן אַ מצוה**, ווייל דורך דעם וועל איך דרש'ענען וועגן דעם ברבים אַז אַלע זאָלן וויסן וועגן דעם כח פון צדקה אַז עס ראַטעוועט פון טויט.

לערנען מיר פון דעם נאָך אַ וויכטיגן לימוד, ווי ווייט מ'קען משפיע אויף אַנדערע אידן מיט סיפורי מעשיות, אַז אפילו רבי עקיבא האָט געדאַרפט אָנקומען צו אַ 'מעשה' (וואָס האָט פאַסירט מיט זיין טאָכטער)... 'וכל המרבה לספר - הרי זה משובח'...

**ח.** פון דער אַנדערער זייט, שרייבט דער 'שפתי צדיק' (אות לג) אַז דער מענטש וואָס טוט אָנענגען אַלעס וואָס פאַסירט מיט איהם אין די טבע, דערווייטערט פון זיך די ישועה פון דעם אויבערשטען.

**דער** גאון בעל 'קרן לדוד' זצ"ל איז מוסיף דערויף, די מורא וואָס אברהם האָט געהאַט איז דאָך געווען, ווי רש"י זאָגט, נאָך דעם ווי עס האָט פּאַסירט מיט איהם דער גרויסער נס אַז ער האָט באַזיגט די פינף קעניגן, האָט ער מורא געהאַט, אפשר האָב איך שוין אָפּגענומען דעם שכר וואָס איך האָב געזאָלט באַקומען פאַר אַלע מיינע צדקות, און מיינע זכותים זענען פאַרמינערט געוואָרן צו באַקומען שכר אין עולם הבא.

**אויף** דעם האָט דער אויבערשטער איהם געזאָגט: 'אל תירא אברם', ווייל חז"ל זאָגן (מכילתא שמות יד, לא) אַז אַלעס וואָס די אידן עסן אויף דער וועלט איז נאָר אין זכות פון אמונה. קומט אויס אַז דער נס וואָס האָט פּאַסירט מיט איהם (אַז ער האָט באַזיגט די פינף קעניגן) איז געווען נאָר אין זכות פון אמונה, און דער 'אנכי' איז געווען דער 'מגן לך', און ממילא פאַרבלייבט גאַנץ דיין שכר אויף אַלע דיינע זכותים, פיל מער אין עולם הבא, און ס'איז גאָרנישט אַראָפּגערעכנט געוואָרן פון דיינע זכותים[ט].

**דער** אויבערשטער האָט גערעדט צו אברהם אבינו ע"ה 'במחזה', און איהם צוגעזאָגט 2 זאכן. צו ערשט האָט דער אויבערשטער איהם אָנגעזאָגט די גוטע בשורה אַז ער וועט זוכה זיין צו אַ זון - 'כי אם אשר יצא ממעיך הוא יירשך וגו', כה יהיה זרעך' (טו ד-ה), און ער האָט געגלייבט - והאמין בה'.

**דערנאָך** האָט דער אויבערשטער איהם צוגעזאָגט אַז ער וועט זוכה זיין צו באַקומען ארץ ישראל - 'לתת לך את הארץ הזאת לרשתה', און אויף דעם האָט אברהם געפרעגט: 'ה' אלוקים, במה אדע כי אירשנה' (שם פסוק ח'), זאָגט רש"י (פסוק ו') אַז אויף די בשורה פון קינדער האָט אברהם נישט געבעטן אַ סימן, נאָר אויף די ירושה פון ארץ ישראל האָט ער געפרעגט 'במה אדע כי אירשנה'.

---

מיט דעם, טייטשט ער די ווערטער פון מדרש (ב"ר פמ"ה, ב) אויפ'ן פסוק אין דער היינטיגער סדרה (טז, ב) 'ותאמר שרי אל אברם, הנה נא עצרני ה' מלדת'. זאָגט דער מדרש, שרה האָט געזאָגט, איך ווייס די סיבה פאַרוואָס איך בין אַן עקרה, נישט אַזוי ווי מענטשן האָבן געזאָגט, זי דאַרף האָבן אַ 'קמיע' געהאָלפן צו ווערן מיט קינדער, זי דאַרף האָבן אַ רפואה א.ד.ג., נאָר 'הנה נא עצרני ה' מלדת'. דער אויבערשטער האָט מיך צוריקגעהאַלטן פון געבוירן אַ קינד.

זאָגט דער 'שפתי צדיק', אַז דאָס איז אַ לימוד פאַר אונז, אַז מ'זאָל נישט אָנהענגען קיין שום זאַך אין דער נאַטור, נאָר אין דעם באַשעפער פון דער וועלט. 'אַלעס וואָס מ'הענגט אָן אין די טבע איז שווער צו ברענגען דעם שינוי, אָבער אויב מ'הענגט עס אָן העכער פון די טבע, איז מען זוכה אין איין סעקונדע צו אַ גרויסן אור', עכ"ל.

**ט. און נישט נאָר דאָס, נאָר אין זכות פון אמונה, איז מען זוכה אויך צו עולם הבא, אַפילו ווען מ'איז נישט ראוי דערצו**, ווי דער גראָדזשיסקער רבי, הרה"ק רבי ישראל זי"ע, ברענגט אַ מעשה ('בינת ישראל', חנוכה, ד"ה 'איתא בגמרא'), אַז הרה"ק רבי זושא פון האניפּאלי זי"ע האָט אַמאָל באַזוכט זיין ברודער, דעם הייליגן רבי'ן ר' אלימלך זי"ע פון ליזענסק, און געזעהן ווי ער איז פאַרנומען מיט מאַכן אַ 'חשבון הנפש', און זעהענדיג זיין ברודער, האָט דער רבי ר' אלימלך זיך אָנגערופן צו איהם, אַז לויט זיין חשבון, וועט ער אַוודאי נישט זוכה זיין אַריינצוגיין אין גן עדן, און עס דאַכט זיך איהם אַז ער וועט אַפילו נישט זוכה זיין צו אַ חלק לעולם הבא (אַוודאי האָבן מיר נישט די מינדעסטע השגה אין די 'עבירות' פונעם איש האלוקים, דער הייליגער רבי ר' אלימלך זי"ע...).

האָט דער רבי ר' זושא איהם געענטפערט מיט'ן לשון פון פסוק אין דער היינטיגער סדרה (טו, ה) 'והאמין בה' ויחשבה לו צדקה'. דאָס הייסט, דער מענטש וואָס גלייבט אין דעם אויבערשטען, טראַכט דער אויבערשטער וועגן טוהן מיט איהם צדקה. וואָס פאַר אַ 'צדקה' טוט דער אויבערשטער מיט איהם? **אַז אין זכות פון זיין אמונה, געבט איהם דער אויבערשטער גן עדן און עולם הבא, אפילו אויב ער איז נישט ראוי דערצו מכח זיינע מעשים.**

מיט אָט די ווערטער, האָט דער רבי ר' זושא באַרואיגט זיין הייליגן ברודער דעם רבי'ן ר' אלימלך, אַז כאָטש לויט זיין מיינונג, וועט ער נישט זוכה זיין 'לויט'ן דין' צו גן עדן און עולם הבא, וועט דער אויבערשטער עס איהם געבן אין אַן אופן פון 'צדקה', אין זכות פון זיין אמונה אין דעם באַשעפער ברוך הוא, און דער רבי ר' אלימלך האָט איהם טאַקע שפּעטער געזאָגט, אַז ער האָט איהם זייער שטאַרק באַרואיגט מיט די ווערטער.

**פרעגט** דער גאון בעל 'חתם סופר' זי"ע ('תורת משה', פרשתינו) פאַרוואָס אויף די בשורה פון קינדער האָט אברהם נישט געבעטן אַ סימן פון באַשעפער, נאָר אויף די בשורה פון ארץ ישראל האָט ער געפרעגט 'במה אדע כי אירשנה'? פאַרוואָס די בשורה אויף קינדער האָט ער יאָ געגלייבט בשלימות און עס אָנגענומען, און נישט די בשורה פון ארץ ישראל?

**ענטפערט** דער 'חתם סופר', אַז כאָטש לויט זיין 'מזל' האָט אברהם נישט געקענט האָבן קינדער, און תוספות (שבת קנו. ד"ה 'אין') זאָגט, אַז מ'דאַרף האָבן אַ 'גרויסן זכות' צו טוישן דעם מזל, אָבער מיט אמונה, קען מען בטל מאַכן אַלע מזלות און אַלעם איבערדרייען צום גוטן. ריינע אמונה איז גאר אַ 'גרויסער זכות', וועגן דעם האָט אברהם בכלל נישט אַריינגעקלערט אין די בשורה וועגן קינדער, ווייל ער האָט געוואוסט אַז אויב ער וועט גלייבן אין דעם אויבערשטען, וועט ער טאַקע זוכה זיין צו קינדער', נאָר אויף די ירושה פון ארץ ישראל האָט ער געפרעגט, 'במה אדע כי אירשנה', ווייל צו פאַטרייבן די גוים פון לאַנד כנען, ווענדעט זיך אין דעם אויב זיי וועלן ווייטער זינדיגן דאָרט, וואָס דאַן פאַרדינען זיי מיט'ן דין צו ווערן פאַרטריבן פון ארץ ישראל, קומט אויס אַז ווען דער אויבערשטער האָט איהם פאַרזיכערט אַז ער וועט באַקומען ארץ ישראל,

---

**י.** אַסאַך אידן וואָס געפינען זיך אין אַ קלעם און זענען ליידער זייער פאַרוויייטאָגט, זאָגן, הלוואי זאָל איך יעצט זוכה זיין צו 'גילוי שכינה' - דער אויבערשטער זאָל זיך אַנטפּלעקן צו מיר און מיר פאַרזיכערן מיט אַ קלאָרע הבטחה אַז איך וועל גאָר אינגיכן אַרויסגיין פון מיין פּראָבלעם. סיי ווען עס האַנדלט זיך אין צרת הכלל, און סיי לגבי צרת הפרט, יעדער איינער אויף זיין אופן. איינער זוכט אַ הבטחה אַז זיין פּרנסה וועט זיין געבענטשט, און אַ צווייטער וואַרט צו זיין פאַרזיכערט מיט 'נחת דקדושה' פון זיינע קינדער, און צומאָל בעט ער אומאויפהערליך צו זעהן די הבטחה פון 'ושבו בנים לגבולם'... איינער וואַרט אויף אַ זיווג פאַר זיין זון אָדער טאָכטער, צו טרעפן בקרוב זייער זיווג, אָדער אַז יענער קרוב זאָל אויסגעהיילט ווערן מיט אַ רפואת הגוף והנפש. איינער זאָגט, הלוואי זאָל איך זוכה זיין אינגיכן צו אַ קינד, און אַ צווייטער וואַרט אויף אַ ישועה ביים געפינען אַ דירה אָדער 'געלט' פאַר די דירה... און אַזוי ווייטער און ווייטער. און זיי זענען אויפגעשאָקלט און צובראָכן, ווייל דער אויבערשטער האָט זיך נאָך נישט באַוויזן צו זיי.

מיר געפינען אָבער אַ וואונדערליכן יסוד אין דער היינטיגער פרשה, אַז **אמונה אין דעם אויבערשטען איז בכוח צו ברענגען אויפ'ן מענטש די ישועה, נאָך מער ווי דער כוח פון אַ קלאָרע הבטחה פון דעם אויבערשטען**, ממילא, דאַרף יעדער איינער איבערלאָזן זיין געוויין און זיין יאוש, און ער זאָל זיך שטאַרקן מיט אמונה אין דעם אויבערשטען, און אַזוי וועט זיין ישועה שנעל אָנקומען.

אַזוי שרייבט דער 'דברי ישראל' (פרשתינו, ד"ה 'וינגע'), אַז מ'זעט פון דעם פסוק אין דער היינטיגער סדרה (יב, יז) 'וינגע ה' את פרעה על דבר שרי', און דער מדרש זאָגט (ב"ר פמ"א, ב) אַז במשך פון דער גאַנצער נאַכט האָט שרה אמינו ע"ה געוויינט און געזאָגט, רבונו של עולם, אברהם איז אַרויסגעגאַנגען פון הויז מיט אַ צוזאָג פון דיר, אז די וועסט איהם היטן. איך, בין אַרויסגעגאַנגען בלויז מיט אמונה פשוטה. און יעצט, איז אברהם אינדרויסן (ער איז נישט אין די צרה), און איך בין דא פאַרשפאַרט אין הויז פון דעם רשע פרעה. האָט דער אויבערשטער איר געזאָגט: אַלעס וואָס איך טוה, טוה איך פאַר דיר, און אַלע זאָגן 'על דבר שרי'.

דאַרף מען פאַרשטיין, וואס איז געווען די 'טענה' פון שרה אמינו ע"ה, יא, אברהם אבינו ע"ה איז פאַרזיכערט געוואָרן פון דעם אויבערשטען מיט אַ קלאָרע הבטחה, ממילא האָט דער אויבערשטער געדאַרפט האַלטן זיין צוזאָג, 'לא איש א-ל ויכזב' (במדבר כג, יט), מה שאין כן שרה, האָט דאָך דער אויבערשטער איר גאָרנישט צוגעזאָגט, און ממילא, איז זי געפאַנגען געוואָרן ביי פרעה אין פּאַלאַץ.

ענטפערט דער 'דברי ישראל', איז **פון דאָ איז אַ ראיה, אַז דער כח פון אמונה איז גרעסער ווי אַ הבטחה..!** און אויב דער אויבערשטער טוט גוטס מיט איינעם וואָס האָט באַקומען פון איהם אַ פאַרזיכערונג דערויף, איז דאָך אַוודאי און אַוודאי אַז ער איז וועט טוהן גוטס מיט דעם וואָס גלייבט אין איהם. דאָס האָט שרה גע'טענה'ט: אברהם איז אַרויס מיט אַ הבטחה, און **איך בין אַרויס מיט אמונה, וואָס איז גרעסער ווי אַ הבטחה**, און צום סוף, איז אברהם אינדרויסן און איך בין אינעווייניג.

איז אין דעם געווען אריינגערעכנט א הבטחה אז די בנעניים וועלן זיכער נישט תשובה טוהן, און דאס איז א זאך וואס איז 'ממש, כמעט אוממעגליך' - אז דער אויבערשטער זאל פארמאכן די טויערן פון תשובה און טוהן קענען זייער בחירה. צוליב דעם האט אברהם אבינו ע"ה געפרעגט 'במה אדע'.

**פון** די ווערטער פונעם 'חתם סופר' זי"ע, קענען מיר ארויסנעמען א מורא'דיגע חיזוק, אז אויב וועגן די רשעים די 'בנעניים' האט אברהם אבינו ע"ה געהאט האפענונג אז זיי וועלן תשובה טוהן, איז דאך א קל וחומר אז מיר, די קינדער פון אברהם, יצחק, און יעקב, וואס מיר האבן אוודאי נישט געזינדיגט אזוי ווי די בנעניים, וועלן אוודאי תשובה טוהן צום באשעפער און ער וועט אננעמען אונזער תשובה מיט ביידע הענט.

### לפני ה' ישפוך שיחו - דער איינציגער כח וואס מיר פארמאגן, איז מיט'ן מויל

**'וישמע** אברם כי נשבה אחיו, וירק את חניכיו ילידי ביתו שמונה עשר ושלש מאות, וירדוף עד דן' (יד, יד).

**זאגט** רש"י, באמת איז אליעזר איז געווען דער איינציגער וואס איז געגאנגען מיט אברהם אבינו ע"ה אין דער מלחמה, און דאס וואס דער פסוק זאגט אז אברהם האט איינגעשפאנט 318 חניכיו ילידי ביתו, דאס איז ווייל זיין נאמען - 'אליעזר' - באטרעפט 318.

**פרעגט** דער 'מאור ושמש', פארוואס האבן חז"ל נישט געטייטשט דעם פסוק לויט'ן פשוט'ן פשט, אז עס זענען דארט געווען 318 מענטשן פון אברהם'ס הויז געזינד, וואס האבן געקעמפט צוזאמען מיט איהם, און נישט נאר אליעזר אליין?

**ענטפערט** דער 'מאור ושמש', 'שיח' (318) איז מרמז אויף תפילה, אזוי ווי די גמרא זאגט (ברכות כו:) 'אין שיחה אלא תפילה', און אויך אין תהלים (קב, א) שטייט 'ולפני ה' ישפוך שיחו'.

**דאס** איז מרומז אין דעם פסוק, 'וירק את חניכיו ילידי ביתו שמונה עשר ושלש מאות' - 318, וואס איז מרמז אויף תפילה (שיח). דאס מיינט, אז מיט'ן כח פון תפילה, האט אברהם אבינו ע"ה באזיגט זיינע שונאים.

**אויף** דעם זאגן חז"ל אז אליעזר אליין איז מיטגעגאנגען אין די מלחמה. 'אליעזר' האט די זעלבע אותיות ווי 'א-ל עזרי' - דער אויבערשטער האט איהם געהאלפן, מיט'ן כח פון תפילה, ווי מיר געפינען אויך ביי משה רבינו ע"ה (שמות יח, ד) 'ושם האחד אליעזר, כי אלוקי אבי בעזרי'.

**דער** איינציגער כח וואס אידישע קינדער פארמאגן, איז מיט'ן מויל[א], צו שרייען צום באשעפער אז

---

אויף דעם האט דער אויבערשטער איר געענטפערט: ביזט גערעכט, און אלעס וואס איך טוה, טוה איך פאר דיר, צוליב דיין אמונה, וואס איז גרעסער פון די הבטחה וואס איך האב פארזיכערט אברהם, און אלע וועלן זאגן 'על דבר שרי' - וועגן די אמונה וואס זי האט געגלייבט.

זעהען מיר דא א מורא'דיגע זאך. לאמיר זיך פארשטעלן, אויב עמיצער פון אונז וואלט געהאט א קלארע 'הבטחה' פון אליהו הנביא, אדער פון זיין רבי'ן בכבודו ובעצמו - און אוודאי און אוודאי אויב מיר וואלטן באקומען א קלארע הבטחה פון דעם באשעפער ברוך הוא אליין, אזוי ווי אברהם אבינו ע"ה האט באקומען, צי דען וואלטן מיר נישט געווען רואיג?... און דא, ביי שרה אמינו ע"ה, זעהען מיר אז דער כח פון אמונה איז נאך גרעסער, און ווי ווייט דארף זיין רואיג דער מענטש וואס האט אמונה און פארזיכערט זיך אויף דעם באשעפער.

**יא.** וואונדערליכע ווערטער געפינען מיר אין רש"י (ברכות ג:) אויף די ווערטער פון דער גמרא (ברכות ג:) אז אין די צייטן פון דוד המלך ע"ה זענען די חכמי ישראל אריינגעגאנגען יעדן אינדערפרי צו דוד המלך ע"ה, און זיי האבן איהם געזאגט 'עמך ישראל צריכין פרנסה', און דוד המלך ע"ה האט זיי באפוילן ארויסצוגיין אין א מלחמה. האבן זיי זיך תיכף באראטן מיט אחיתופל, און זיך אדורכגערעדט מיט די סנהדרין, און געפרעגט דעם 'אורים ותומים'. זאגט רש"י, וואס מיינט זיי האבן זיך אדורכגערעדט מיט די סנהדרין? זיי האבן גענומען רשות פון זיי כדי זיי זאלן מתפלל זיין פאר זיי, און דערנאך האבן זיי געפרעגט ביי דעם 'אורים ותומים', אויב זיי וועלן מצליח זיין צו זיגן אין די מלחמה.

זעהען מיר דא א מורא'דיגע זאך: **אפילו אויב זיי וועלן באקומען אן ענטפער פון דעם 'אורים ותומים', אז זיי וועלן מצליח זיין אין דער מלחמה, קענען זיי נאך אלץ נישט ארויסגיין אויפ'ן שלאכטפעלד, אויב די סנהדרין זענען נישט מתפלל פאר זיי...**

ער זאָל זיך דערבאַרימען אויף אידישע קינדער. ווען מ'איז מקיים 'ואנחנו שם ה' אלוקינו נזכיר', מיט תפילה און תחנונים, איז מען זוכה צו דעם וואָס עס שטייט דאָרט, 'המה כרעו ונפלו'[יב].

**דאָס** לערנען מיר אויך פון דעם וואָס דער פסוק זאָגט ביי די מלחמה מיט עמלק (שמות יז, יא) 'והיה כאשר ירים משה ידו וגבר ישראל'. ווען משה רבינו ע"ה האָט אויפגעהויבן זיינע הענט צו דעם הימל, האָבן

---

**יב.** דער מדרש (ב"ר פס"ה, כ) זאָגט אויפ'ן פסוק (בראשית כז, כב) 'הקול קול יעקב והידים ידי עשו', אַז ווען יעקב אבינו ע"ה ווערט נאכלאָזן זיין קול מיט תורה און תפילה (דאָס הייסט, ער ווערט אָפּגעשוואַכט אין לערנען און דאַווענען), 'ידי עשו שולטות' - טוט עשו געוועלטיגן ח"ו מיט זיינע הענט. דאַרף מען פאַרשטיין, פאַרוואָס דערמאָנען חז"ל דאָס לשון 'ידי' עשו - עשו'ס **הענט**. דער עיקר כח פון דעם רשע עשו באַשטייט דאָך אין זיין **שווערד**, נישט אין זיינע הענט, אַזוי ווי יצחק אבינו ע"ה האָט איהם געבענטשט (בראשית כז, מ) 'ועל **חרבך** תחיה'. זיין 'האַנט' טוט דאָך נישט מער ווי אָנכאַפּן די שווערד.

ענטפערט דער 'בן איש חי' (דרשות, פרשת בהעלותך), לויט ווי חז"ל זאָגן (ב"ר פ"ה, י) אַז ביי בריאת העולם, ווען דער אויבערשטער האָט באַשאַפן אייזן, האָבן אַלע ביימער אָנגעהויבן ציטערן, ווייל ס'איז באַשאַפן געוואָרן דער אייזן, פון וועלכן מ'מאַכט די האַק אָפּצושניידן די ביימער. האָט דער אייזן זיי באַרואיגט און געזאָגט, איר האָט נישט וואָס מורא צו האָבן פון מיר. אויב עס ווערט נישט אַריין אין מיר אַ שטיקל האָלץ פון אייערע ביימער, וועט קיין איינער פון די ביימער נישט געשעדיגט ווערן. דאָס הייסט, מ'קען נישט אָפּהאַקן אַ בוים, נאָר מיט'ן אייזן וואָס געפינט זיך אויפ'ן שפּיץ פונעם האַק, ווייל דער האַק דאַרף דאָך האָבן אַ **'הענטל'** פון האָלץ. נאָר דאַן קען דער האָלץ-האַקער אויפהייבן זיין האַנט אָפּצושניידן דעם בוים. קומט אויס, אַז דער גאַנצער כח פון דעם 'אייזן' קעגן די 'ביימער', איז נאָר דורך די 'העלצער' פון די ביימער אַליין.

אויף דעם האָבן חז"ל גערעדט וועגן די **'הענט'** פון עשו הרשע (כאָטש זיין הויפּט כח באַשטייט אין זיין שווערד). מ'קען אָבער נישט האָבן אַ שווערד אָן אַ הענטל, און פונקט אַזוי, קען עשו הרשע זיך נישט באַנוצן מיט זיין כח, נאָר אויב ער האָט די 'הילף' פון יעקב. דאָס הייסט, אויף אַן אופן ווען דער קול פון שוואַך ביי תורה און תפילה ווערט אָפּגעשוואַכט ח"ו.

לויט דעם, טייטשט דער 'בן איש חי', די ווערטער וואָס מיר בעטן (מוסף לשלש רגלים), 'ואין אנחנו יכולים לעשות חובותינו בבית בחירתך, בבית הגדול והקדוש שנקרא שמך עליו, מפני **היד** שנשתלחה במקדשך'. דאָס וואָרט 'היד' איז מרמז אויפ'ן 'הענטל'. דאָס הייסט, די הילף וואָס מיר האָבן ליידער מיט אונזערע עבירות, אַרויסגעהאָלפן עשו הרשע און זיינע נאָכפאָלגער, אַז נאָר מיט דעם כח האָבן זיי ליידער געקענט חרוב מאַכן דעם בית המקדש.

על דרך משל: עס האָט פּאַסירט אין אַ קהילה, אַז יעדעס מאָל ווען דער ציבור האָט געדאַווענט שחרית און מעריב, פלעגט דער בעל תפילה וואַרטן אויפ'ן רב ביי קריאת שמע, אַז דער רב זאָל ענדיגן לייענען קריאת שמע, און דאַן האָט ער געזאָגט 'ה' אלקיכם אמת'. אייביג ווען זיי האָבן געענדיגט לייענען קריאת שמע, האָבן זיי געהערט ווי דער רב זאָגט די ווערטער 'למען ירבו ימיכם וימי בניכם'. דאָרט האָט ער דעמאָלס געהאַלטן...

ווען דער רב איז נפטר געוואָרן, האָט מען אויפגענומען זיין זון אַלס ממלא מקום פונעם טאַטן, צו איבערנעמען זיין אָרט אויף דער רבנות-שטול. ביי דעם נייעם רב, ווען דער עולם האָט געענדיגט קריאת שמע און געזאָגט 'ה' אלוקיכם אמת', האָבן זיי געהערט דאָס קול פונעם נייעם רב, ווי ער זאָגט 'וחרה אף ה' בכם'... נאָכ'ן דאַווענען, זענען די ראשי הקהל צוגעגאַנגען צום נייעם רב, און איהם געזאָגט:

- אייער פאָטער, דער פריערדיגער רב, פלעגט אונז בענטשן מיט'ן פסוק 'למען ירבו ימיכם', און איר שעלט אונז מיט דעם פסוק 'וחרה אף ה' בכם'...

האָט דער נייער רב זיי געענטפערט:

- דאָס איז נישט מיין שולד... איך לייען קריאת שמע גענוי אַזוי ווי מיין טאַטע פלעגט לייענען קריאת שמע, ממש מיט דער זעלבער געלאַסנקייט און רואיגקייט. נאָר איר האָט זיך אָנגעהויבן צואיילן זיך ביי קריאת שמע, און ממילא, הערט איר נאָר די 'קללה', און נישט די 'ברכה'... איז דעריבער מיין עצה, אַז איר זאָלט דאַווענען מער במתינות, מיט כוונה פון האַרץ, און דאַן וועט איר הערן 'למען ירבו ימיכם וימי בניכם'...

די אידן געזיגט אין די מלחמה. טייטשט דער 'תרגום יונתן': 'והוה זקיף משה ידוי בצלו ומתגברין דבית ישראל, וכד הוה מנח ידוי מן למצלייא ומתגברין דבית עמלק'. ווען משה רבינו ע"ה האָט אויפגעהויבן זיינע הענט מיט תפילה, האָבן די אידן זיך געשטאַרקט, און ווען ער האָט אַראָפּגעלאָזט זיינע הענט פון צו בעטן, האָבן די עמלקים זיך געשטאַרקט.

**אַזוי** זאָגט רש"י אויך אויפ'ן פסוק (דאָרט, פסוק יב) 'ויהי ידיו אמונה', 'פרושות השמים בתפילה נאמנה ונכונה'. משה רבינו ע"ה האָט אויסגעשפּרייט זיינע הענט צום הימל, מיט אַ ריכטיגע תפילה. זעהען מיר פון די ווערטער פון רש"י, אַז די אידן האָבן באַזיגט עמלק נישט מיט זייער אייגענעם כח, און נישט מיט זייער שטאַרקייט אין די מלחמה, נאָר בלויז אין זכות פון די תפילות פון משה רבינו ע"ה.

**נאָך** מער, געפינען מיר אין מהרש"א (חידושי אגדות ברכות נד:, ד"ה 'ואבן שישב עליה משה') אויף די ווערטער פון דער גמרא, אַז דער וואָס זעהט דעם שטיין אויף וועלכן משה רבינו ע"ה איז געזעסן ווען יהושע האָט מלחמה געהאַלטן מיט עמלק, דאַרף ער אָפּגעבן אַ שבח והודאה צו דעם אויבערשטען.

**זאָגט** דער מהרש"א, אַז וויבאַלד אויף אַ פּלאַץ וואו עס האָט פּאַסירט אַ נס, דאַרף מען מאַכן אַ ברכה (אויפ'ן נס), און דאָס זעלבע אויפ'ן שפּיץ פון באַרג וואו דער שטיין ליגט, איז דאָס אָרט וואו עס האָט פּאַסירט דער נס פון די נצחון אין די מלחמה, וועגן דעם האָט משה אויפגעהויבן זיינע הענט און די אידן האָבן זיך געשטאַרקט, עכ"ל.

**פון** דעם לערנען מיר אַז דער נצחון פּאַסירט אויף דעם אָרט וואו מ'הייבט אויף די הענט צום הימל מיט תפילה, און נישט אויפ'ן אָרט פון די מלחמה זעלבסט... ווייל די 'מלחמה' קומט פאָר נישט אויפ'ן שלאַכטפעלד, נאָר דאָרט וואו מ'דאַווענט און מ'בעט דעם אויבערשטען. דאָרט ווערט דער שונא אונטערטעניג, און מ'באַזיגט איהם אויף אַ פולשטענדיגן אופן אין דער מלחמה.

### מלך מתרצה בדמעות - טרערן גייען נישט פאַרלוירן

**אין** דער היינטיגער פרשה (טז, יא-יג) לייענען מיר: 'ויאמר לה מלאך ה' הנך הרה וילדת בן וקראת שמו ישמעאל כי שמע ה' אל עניך וגו', ותקרא שם ה' הדובר אליה אתה א-ל ראי'.

**דאַרף** מען פאַרשטיין, פאַרוואָס האָט הגר געזאָגט אתה א-ל 'ראי', און נישט א-ל 'שומע', אַזוי ווי דער מלאך האָט איר געזאָגט, כי 'שמע' ה' אל עניך?

**ענטפערט** דער 'אור החכמה' (פון די תלמידים פון בעל שם טוב הקדוש זי"ע) אַז דער עיקר טעם פאַרוואָס דער אויבערשטער האָט אָנגענומען הגר'ס תפילה, איז געווען ווייל ער האָט געזעהן טרערן אין אירע נאַסע אויגן, און חז"ל זאָגן (ב"מ נט.) אַז כאָטש די טויערן פון תפילה זענען פאַרשלאָסן געוואָרן נאָך דעם חורבן בית המקדש, אָבער די טויערן פון טרערן זענען געבליבן אָפען[יג]. ווען דעם האָט זי געזאָגט 'אתה א-ל ראי'.

---

**יג.** אין די צייטן פון דעם גאון בעל 'חתם סופר' זי"ע, איז נפטר געוואָרן אַ רב, און די אָרטיגע האָבן געזוכט אַ נייעם רב וואָס זאָל איבערנעמען דאָס אָרט פון דעם רב. עס זענען אויפגעקומען פאַרשידענע פאָרשלאָגן. איינער פון זיי איז געווען אַ תלמיד מופלג פון דעם 'חתם סופר', און עס האָט אויך קאַנדידירט פאַר יענעם רבנות-אַמט אַן אַנדערער תלמיד חכם.

איז דער 'חתם סופר' אַראָפּגעפאָרן מיט זיין תלמיד צו יענע שטאָט, כדי זיך משתדל צו זיין און ממליץ זיין אויף זיין תלמיד אַז ער איז ראוי צו דינען אַלס מרא דאתרא אין אַן עיר ואם בישראל ווי ס'איז זייער שטאָט. אַלע השתדלות'ן פונעם 'חתם סופר' האָבן אָבער גאָרנישט אויפגעטוהן, און דער אַנדערער רב איז אויפגענומען געוואָרן אַלס רב אין יענע שטאָט. האָט דער 'חתם סופר' געזאָגט צו זיין תלמיד:

- **וואָס קען איך טוהן, אַז אַלע מיינע השתדלות'ן זענען נישט געווען בכוח אָפּצוואַרפן די טרערן פון דעם אַנדערן רב, וועלכער האָט פאַרגאָסן 'טייכן טרערן' ביים בעטן דעם באַשעפער אַז ער זאָל זוכה זיין אויסגעוויילט צו ווערן אַלס רב...** (אַן אַנדערע גירסא איז, אַז דער 'חתם סופר' האָט געזאָגט אַז ער איז נישט בכח צו שטיין קעגן די פילע קאַפּיטלעך תהלים וואָס יענער רב האָט פאַרגאָסן).

**עס** שטייט אין 'ספר חסידים' (אות קל), ס'איז דאָ אַ מענטש וואָס איז נישט ווערד אַז דער אויבערשטער זאָל אָננעמען זיין תפילה, נאָר צוליב די שטאַרקע תחנונים און טרערן פון זיינע אויגן וואָס ער וויינט שטענדיג און ער בעט זיך ביי דעם אויבערשטן, איז אפילו אויב ער האָט נישט גענוג זכותים און מעשים טובים, נעמט דער אויבערשטער אָן זיין תפילה און ער קומט נאָך זיין בקשה.

**אַזוי** שטייט אויך אין זוהר הקדוש (ח"א רכג.) אַז דער וואָס פאַרגיסט טרערן פאַר דעם אויבערשטן, איז אויך אויב ס'איז נגזר געוואָרן אויף איהם אַ שטראָף ח"ו, וועט דער עונש צעריסן ווערן און עס וועט נישט קענען געוועלטיגן איבער איהם[ד].

**דער** רבינו יונה ז"ל שרייבט אין זיין ספר 'שערי העבודה' (אות יא), אַז דער וואָס איז מתפלל מיט טרערן

---

**יד.** איין יאָר מוצאי ראש השנה, האָט דער הייליגער רבי פון לובלין זי"ע געזאָגט צו זיין תלמיד הרה"ק רבי שמחה בונם פון פשיסחא זי"ע (וואָס האָט אין יענע תקופה נאָך געהאַנדלט צו מאַכן פרנסה), אַז אין הימל איז נגזר געוואָרן אויף איהם אַז ער זאָל יענעם יאָר פאַרלירן זיין גאַנצן פאַרמעגן, און דער רבי פון לובלין האָט צוגעגעבן: 'איך האָב פּרובירט ממתיק צו זיין דעם דין, אָבער אָן ערפאָלג...'.

אָנהייב ווינטער זענען די בני בית פון רבי'ן ר' בונם געוואָרן נישט געזונט ל"ע, און ער איז געווען געצוואונגען אויסצוגעבן אַסאַך געלט פאַר דאָקטורים צו היילן די משפחה. ווען זיי זענען געקומען צו זיך, איז דער רבי ר' בונם געפאָרן קיין ווארשע צו האַנדלען, און ער איז דאָרט איינגעשטאַנען אין אַ גאַסט-הויז, אָבער ער האָט נישט באַוויזן צו פאַרדינען געלט.

עטליכע טעג שפּעטער, ווען דער האָטעל-אייגנטימער האָט פאַרלאַנגט פון איהם געלט פאַר'ן זיך אויפהאַלטן אינעם האָטעל, האָט דער רבי ר' בונם געמאַכט אַ חשבון פון אַלע הוצאות וואָס ער האָט געהאַט אין דער לעצטער תקופה, און ער האָט איינגעזעהן אַז פון דעם גאַנצן פאַרמעגן וואָס ער האָט פריער געהאַט, 1,500 רובל, איז נישט געבליבן אַפילו אַ פּרוטה, אַזש אַז ער האָט אַפילו נישט קיין געלט צו באַצאָלן פאַר'ן האָטעל. עס האָט איהם זייער וויי געטוהן אַז ער איז נישט בכוח צו באַצאָלן זיין חוב, און ער האָט מורא געהאַט אַז עס וועט אַרויסקומען דערפון אַ חילול השם ח"ו. פון גרויס צער האָט ער אויסגעבראָכן אין אַ געוויין פון טיפן האַרצן.

אַביסל שפּעטער, האָט ער זיך באַרואיגט און זיך פאַרלאָזט אויף דעם אויבערשטען, און ער האָט זיך צוריק געזעצט לערנען. פּלוצלינג האָט ער געהערט קלאַפּן אין טיר, און ווען ער האָט געעפענט די טיר, האָט יענער זיך פאָרגעשטעלט אַלס אַ שליח פון דער באַקאַנטער רייכער פרוי תמר'ל בערגסאָן (וועלכער האָט אויסגעהאַלטן די צדיקים אין פוילן מיט גרויסע סומעס געלט), וועלכע האָט איהם געשיקט זאָגן אַז זי האָט געהערט וועגן זיין שווערן מצב, און דעריבער טוט זי איהם פאַרשלאָגן צו אַרבעטן ביי איר אַלס בוכהאַלטער פאַר אַ געהאַלט פון זעקס רובל אַ וואָך.

אין דער ערשטער מינוט, האָט דער רבי ר' בונם זיך געפרייט מיט איר פאָרשלאַג, אָבער ער האָט באַלד געטראַכט ביי זיך, אַז אויב עס האָט זיך געעפענט אַ טירל פאַר הצלחה, פאַרוואָס זאָל ער מסכים זיין צו זיין אַ אַרבייטער פאַר אַ קליינעם געהאַלט... האָט ער געזאָגט צו דעם שליח, ער זאָל צוריקגיין און זאָגן פאַר דער פרוי וואָס האָט איהם געשיקט, אַז ער איז נישט מסכים צו איר פאָרשלאַג, ער איז נאָר מסכים **צו זיין אַ שותף** מיט איר אין אירע געשעפטן.

הערנדיג זיינע ווערטער, איז זי לכתחילה געוואָרן ברוגז, אָבער עטליכע טעג שפּעטער, האָט זי איהם געשיקט אַ מעלדונג אַז זי איז מסכים, און זי האָט איהם אַפילו געשיקט געלט צו באַצאָלן זיינע חובות. דער רבי ר' בונם איז טאַקע געוואָרן אַ שותף אין אירע געשעפטן, און ער האָט יענעם יאָר פאַרדינט אַסאַך געלט...

ווען דער רבי ר' בונם איז געקומען קיין לובלין צום הייליגן 'חוזה' זי"ע, האָט דער רבי פון לובלין איהם געזאָגט באַלד ווען ער איז אַריינגעקומען:

- ס'איז געווען ריכטיג וואָס איך האָב דיר געזאָגט אַז ס'איז אויף דיר נגזר געוואָרן צו פאַרלירן דיין גאַנצן פאַרמעגן, אָבער **וועגן 'זיך אויסוויינען האָבן מיר נישט געשמועסט' - וועגן טרערן האָבן מיר נישט גערעדט...**

אין אנדערע ווערטער, אפילו אויב ס'איז פאַרזיגלט געוואָרן אַ גזר דין אין ראש השנה, קען עס נישט שטיין קעגן טרערן וואָס מ'פאַרגיסט ביים בעטן דעם אויבערשטן.

ווערט זיין תפילה געהערט, ווייל שערי דמעות לא ננעלו מעולם, און די טרערן זענען קעגן דאָס וואַסער וואָס מ'פלעגט גיסן אויף דעם מזבח[טו], אַזוי ווי דער מדרש זאָגט (ב"ר פע"ה, טז) ר' בון האָט געזאָגט, די אַלע יאָרן וואָס יעקב אבינו ע"ה האָט זיך געפונען אין בית א-ל האָט ער זיך נישט צוריקגעהאַלטן פון גיסן וואַסער אויף דעם מזבח, און דאָס זענען די טרערן וואָס ער האָט געוויינט ווען ער האָט מתפלל געווען אין בית א-ל, עכ"ל.

**דער** 'דרך משה' שרייבט (תוכחת מוסר, ליום כ"ד), אַז די טיר דורך וועלכער די תפילות מיט טרערן גיין אַדורך, ווערן נישט געעפענט דורך קיין שום מלאך אָדער ממונה[טז], נאָר דורך דעם אויבערשטען בכבודו ובעצמו[יז], און דער אויבערשטער מיט זיין רחמנות ענטפערט אַזאַ תפילה און ערפילט זיינע פאַרלאַנגען צום גוטן, אמן כן יהי רצון, עכ"ל.

**ויחשבה לו צדקה - די חשיבות פון צדקה און חסד**

**'ותענה** שרי ותברח מפניה' (טז, ו). שרה האָט געפייניגט איר דינסט הגר, און זי איז אַנטלאָפן פון איר.

**זאָגט** דער רמב"ן ז"ל, 'חטאה אמינו', שרה אמינו ע"ה האָט געטוהן אַן עוולה מיט'ן פייניגן הגר, און אויך אברהם מיט'ן צולאָזן שרה צו טוהן אַזוי, און דער

---

**טו.** דער 'ישמח משה' ('תוכחת חיים' לראש השנה, יד) פאַרגלייכט די גרויסקייט פון וויינען, מיט אַ משל צו אַ קעניג וואָס איז געווען אויפגעברויזט קעגן זיינע קנעכט און ער האָט זיי געוואָלט באַשטראָפן. זענען אַלע קייסערליכע באַדינער און קנעכט זיך צוזאַמענגעקומען כדי צו טראַכטן אַן עצה ווי אַזוי איבערצובעטן דעם קעניג. האָט דער 'שר המשקים' זיך אויפגעשטעלט און געזאָגט, אַז לויט ווי ער קען דעם קעניג שוין אַסאַך יאָרן, וועלן זיי נישט באַוויזן איהם איבערצובעטן מיט קיין מתנות, נאָר איין עצה איז דאָ: מ'זאָל איהם ברענגען אַ געוויסן געטראַנק וואָס דער קעניג האָט זייער ליב צו טרינקען, און מ'זאָל צושרייבן אַן אנטשולדיגונג בריוו, און עס איז מסתבר אַז אין אַ צייט ווען דער קעניג וועט זיין גוטמוטיג און באַווליגט, וועט ער זיי מוחל זיין די עוולה וואָס זיי זענען באַגאַנגען קעגן איהם.

דער נמשל איז, **דער באַשעפער ווערט באַוויליגט פון טרערן וואָס דער מענטש פאַרגיסט ווי וואַסער פון טיפן האַרצן**, ווייל דאָס איז כביכול דער 'געטראַנק' וואָס איז באַליבט ביי איהם ברוך הוא, און אין יענער צייט האָט דער מענטש די מעגליכקייט צו בעטן אויך אַ מחילה און סליחה אויף זיינע זינד.

דער 'ערבי נחל' שרייבט (דרוש לראש השנה), דער אויבערשטער ווערט אָנגערופן 'מלך מתרצה בדמעות', וואָס מ'קען איהם איבערבעטן מיט טרערן. **מיר קענען איהם נישט איבערבעטן מיט קיין אַנדערער זאַך, נאָר מיט טרערן.**

**טז.** אַ וואונדערליכן חידוש שרייבט דער ראב"ד ז"ל **להלכה** ('תמים דעים', סי' קפד), חז"ל זאָגן (שבת יב:) אַז אַ יחיד זאָל דאַווענען נאָר אויף לשון קודש, ווייל די מלאכים קענען נישט אַנדערע שפּראַכן, און זיי טוהען נישט אַרויפברענגען די תפילות וואָס ווערן געזאָגט אויף דער אַראַמישער שפּראַך, אָבער **דער וואָס דאַווענט מיט טרערן קען בעטן אויך אויף אַנדערע שפּראַכן**, ווייל די טויערן פון טרערן זענען קיינמאָל נישט פאַרשלאָסן געוואָרן, און **ער דאַרף נישט אָנקומען צו די מלאכים אַרויפצוברענגען זיינע תפילות.**

**יז.** מיר זאָגן אין די 'סליחות', 'מכניסי דמעה, הכניסו דמעותינו לפני מלך מתרצה בדמעות'. קען מען דאָס ערקלערן מיט אַ משל, אַ געשעפטמאַן האָט אַוועקגעשטעלט אַ 'סעילסמאַן' צו באַדינען די קונים. איז דאָך נאַטורליך, אַז ווען עס קומען אַריין מענטשן אין געשעפט, שטייט דער 'סעילסמאַן' און פירט מיט זיי פאַרהאַנדלונגען, און ער איז באַרעכטיגט אַראָפּצולאָזן ווען ער וויל, אַביסל פונעם פרייז פאַר דעם אַרטיקל. אָבער ווען עס קומט אַריין אַ מענטש געקליידעט אין טייערע קליידער, וואָס זיין גאַנצער אויסזעהן זאָגט עדות אַז ער קומט דאָ כדי צו מאַכן 'גרויסע געשעפטן', אַזאַ איינעם, וועט דער 'סעילסמאַן' באַלד שיקן צום אייגנטימער פונעם געשעפט, און ער וועט בכלל נישט רעדן מיט איהם...

דאָס זעלבע זאָגן מיר צו די מלאכים: נעמט אַריין אונזערע טרערן אַזוי ווי זיי זענען, צום באַשעפער ברוך הוא, ווייל ער 'דערקענט' אינגאַנצן נישט אידישע טרערן וואָס קרעכצן און זענען אונטערדרוקט אונטער זייערע צרות ברוחניות ובגשמיות.

דער פּיאַסעצנער רבי, הרה"ק רבי קלונימוס קלמן זצ"ל הי"ד, שרייבט אין זיין ספר 'אש קודש', בזה הלשון: צי דען האָט אַ מלאך שוין אַמאָל פאַרזוכט דעם צער וואָס עס שפּירט אַ איד ווען מ'שלאָגט איהם, אָדער זיין בושה

באַשעפער האָט צוגעהערט איר פּיין און ער האָט איר געגעבן אַ זון וואָס וועט זיין אַ 'פרא אדם', צו פּייניגן די קינדער פון אברהם און שרה מיט אַלע סאָרטן פּייניגונגען, עכ"ל.

**עס** איז פּשוט און זעלבסט-פאַרשטענדליך, אַז מיר האָבן נישט די מינדעסטע השגה אין די הייליגע אבות און אמהות פון אידישן פאָלק - אברהם אבינו ע"ה, און שרה אמינו ע"ה, אָבער מיר דאַרפן לערנען דערפון, אַז דער גאַנצער עול פונעם שיעבוד פון ישמעאל'ס קינדער וואָס אידן ליידער דערפון ביז'ן היינטיגן טאָג, איז געקומען אויף אונז פון אט דעם 'עינוי'.

**פון** דער אַנדערער זייט לערנען מיר אויך, אַז דער וועג געראַטעוועט צו ווערן פון דעם 'פרא אדם' און זיינע קינדער, איז דורך פאַרמערן צו טוהן גוטס[יח], און טוהן חסד[יט], מיט אַן איבעריגע זהירות נישט גורם צו זיין אַ צער ח"ו פאַר קיין שום איד.

---

ווען מ'רודפט איהם און מ'פאַרשעמט איהם, אָדער זיין פחד און פּיין ווען ער האָט נישט קיין פרנסה ח"ו. ממילא, בעטן מיר די מלאכים, 'השתדלו והרבו תחינה' - איר זאָלט מתפלל זיין פאַר אונז, אָבער אונזערע טרערן זאָלט איר אַריינברענגען צום גרויסן קעניג, 'מלך מתרצה בדמעות', און איר זאָלט אינגאַנצן נישט צורירן צו זיי.

**יח.** הגה"צ רבי זעליג בראַוורמאַן זצ"ל, פון די גרויסע צדיקים אין ירושלים עיה"ק, האָט זיך געפירט מיט אַ שיינעם מנהג, אַז מ'פלעגט יעדן פרייטאָג אָפּבאַקן ביי איהם אינדערהיים אַסאַך חלות, און ער פלעגט עס אויסטיילן צווישן די אָרימע משפחות פון ירושלים לכבוד שבת.

איינמאָל איז אָנגעקומען צו איהם אַהיים אַ צובראָכענער מענטש, וועלכער האָט אַ גאַנצע וואָך שווער געאַרבעט ביים טראָגן פעקלעך פאַר מינימאַלע פּורטות, וואָס האָבן קוים באַוויזן צו דערהאַלטן ביים לעבן איהם און זיינע קינדער. רבי זעליג האָט שוין אָבער מער נישט געהאַט קיין חלות איהם צו געבן... "עס זענען געקומען אַסאַך אידן און געבעטן חלות, און עס זענען נישט געבליבן פאַר דיר קיין חלות". איז דער איד אַריין אין אַ כעס און דערלאַנגט רבי זעליג'ן צוויי 'קלינגענדיגע' פּעטש...

איז רבי זעליג בראַווערמאַן צוגעגאַנגען צום טיש, אַראָפּגענומען דעם חלה-דעקל און גענומעןביידע חלות וואָס זענען דאָרט געלייגט געוואָרן פאַר דער סעודה פון ליל שבת קודש, און עס דערלאַנגט פאַר דעם אָרימען איד. האָבן די בני בית זיך געוואונדערט, צי דען איז דאָס אַ 'שורת הדין', אַז יענער זאָל זיין אַ 'חוטא נשכר', צו פאַרדינען פון זיין עוולה? פאַרוואָס האָסטו איהם געגעבן אונזערע חלות נאָך דעם ווי ער האָט דיר געגעבן צוויי פּעטש? האָט רבי זעליג זיי געענטפערט:

- דער איד איז דאָך אַ פאַרביטערטער און צובראָכענער מענטש, וועלכער איז אַ 'רובץ תחת משאו', כפשוטו... לאָמיר זיך באַטראַכטן, פאַרוואָס האָט ער מיך געשליגן, אויב נישט צוליב דעם וואָס 'יודע צדיק נפש...'., און ער פאַרשטייט גוט, אַז אויב ער וועט אַהיימקומען מיט ליידיגע הענט, וועט זיין 'ששון ושמחה' ביי איהם אין הויז... ממש אַ 'תשעה באב שחל בשבת'... מיר וועלן זיך אָבער קענען אַן עצה געבן, אויך מיט עסן עטליכע אַלטע מצות...

שפּעטער, האָט רבי זעליג זיך פאַרשפּאַרט אין זיין צימער, און מ'האָט געהערט ווי ער זאָגט צו זיך אַליין: 'זעליג, זעליג, פאַרוואָס האָסטו געדאַרפט באַקומען צוויי 'געזונטע פּעטש', כדי דיך צוצוברענגען צו די אנערקענונג און פאַרשטאַנד אַז דו דאַרפסט אַוועקגעבן פון זיך פאַר אַנדערע מענטשן...

**לדידן ייאמר, פאַרוואָס דאַרפן מיר ח"ו כאַפּן 'פּעטש' פון אונזער דערבאַרימדיגן פאָטער אין הימל, כדי צו אנערקענען אַז מיר דאַרפן אַוועקגעבן פון אונזערס פאַר אַנדערע אידן, און זיך צו שטאַרקן מיט אהבת ישראל און גמילות חסדים...**

**יט.** די גמרא זאָגט (מגילה יב:) אויפ'ן פסוק (אסתר ב, ה) 'ושמו מרדכי בן יאיר בן שמעי בן קיש'. דרש'ענט די גמרא, די ווערטער 'בן יאיר', אַז עס באַדייט, בן שהאיר עיני ישראל בתורה'. 'בן שמעי - ששמע א-ל תפילתו'. 'בן קיש - שהקיש על שערי רחמים ונפתחו לו'...

זאָגט אויף דעם, דער ווילנער גאון זצ"ל ('אבני אליהו', על שמונה עשרה), לויט ווי חז"ל זאָגן (שבת קנא:) אויפ'ן פסוק (דברים יג, יח) 'ונתן לך רחמים ורחמך' - 'כל המרחם על הבריות, מרחמין עליו מן השמים'. דער מענטש וואָס האָט רחמנות אויף אַנדערע מענטשן, האָט מען רחמנות אויף איהם פון הימל.

**עס** איז אַ 'זמן גרמא' זיך צו שטאַרקן מיט חסד, ווי עס ווערט געברענגט אין נאָמען פון הרה"ק בעל 'חידושי הרי"ם' זי"ע (ספר 'אמרי הרי"ם', פרשתינו), חז"ל זאָגן (ירושלמי שקלים פ"ב ה"ה) אַז דער וואָס זאָגט נאָך אַ שמועה אין נאָמען פון דעם וואָס האָט עס געזאָגט, זאָל ער זיך פאָרשטעלן ווי דער 'בעל השמועה' שטייט אַנטקעגן איהם, ווייל יענע שמועה און חידוש באַלאַנגען צום שורש נשמה פון דעם בעל השמועה, און ווען ער לערנט עס, שיינט אין איהם די נשמה פון דעם בעל השמועה, און אין אונזער היינטיגער פּרשה, איז דער 'בעל השמועה' נישט קיין אַנדערער ווי אברהם אבינו ע"ה, און ממילא, שיינט אויף דער וועלט דער אור פון אברהם אבינו, און ממילא, דאַרפן מיר לערנען אין די יעצטיגע וואָכן אַ לימוד פון דעם חסד און גוטע מידות פון אברהם אבינו ע"ה, צו זיין פון די תלמידים פון אברהם אבינו מיט אַן 'עין טובה, רוח נמוכה, ונפש שפלה' (אבות פ"ב, מי"ט).

**אויף** דעם פּסוק אין דער היינטיגער פּרשה (יג, יד) 'וה' אמר לאברהם אחרי הפּרד לוט מעמו, שא נא עיניך וראה מן המקום אשר אתה עומד שם צפונה ונגבה וקדמה וימה', שרייבט דער 'אור החיים' הקדוש זי"ע א מורא'דיגע זאך: דאָ האָט פּאַסירט מיט אברהם אַ גרויסע נס, אַז ער זאָל קענען זעהן פון צפון צו דרום און פון מזרח צו מערב, אָן דעם וואָס ער זאָל זיך דאַרפן אויסדרייען.

**די** מפרשים זאָגן אַ טעם פאַרוואָס דער אויבערשטער האָט איבערגעדרייט די מערכות פון דער וועלט און באַוויזן אַזאַ גרויסן נס, און אַלעס, נאָר כדי צו פאַרמיידן אַזאַ קליינע טירחא פון אברהם אבינו ע"ה, ווייל דער אויבערשטער באַצאָלט שכר פאַר די ערליכע אידן, 'מדה כנגד מדה', און וויבאַלד אברהם אבינו ע"ה האָט געטוהן חסד צו עפענען זיינע פיר טירן אויף די פיר זייטן פון זיין געצעלט, כדי לייכטער צו מאַכן פאַר די דורכגייער אַז זיי זאָלן נישט דאַרפן אַרומגיין דעם געצעלט כדי אַריינצוקומען דאָרט, נאָר זיי זאָלן באַלד ביים אַריינקומען זעהן אַ געגרייטן טיש און אַן אויסגעבעטן בעט. צוליב דעם האָט דער אויבערשטער לייכטער געמאַכט פאַר איהם אַז ער זאָל זיך נישט דאַרפן אויסדרייען, און ווען ער וועט שטיין אויף זיין אָרט זאָל ער קענען זעהן די פיר זייטן פון דער וועלט.

**חז"ל** זאָגן דאָך (תנא דבי אליהו פכ"ב, כ) 'חייב אדם לומר מתי יגיעו מעשי למעשי אבותי'. ווען ווען מיינע מעשים דערגרייכן די מעשים פון מיינע עלטערן, צו זעהן אַ 'בעל חסד' אַזוי ווי אברהם אבינו ע"ה, צו טראַכטן מחשבות וועגן אַ צווייטן איד, מיט וואָס קען איך טוהן גוטס מיט איהם און לייכטער מאַכן פאַר איהם זיין עול, און אַוודאי און אַוודאי נישט מצער צו זיין און טשעפּען מיט אַנדערע מענטשן, 'כי אנשים אחים אנחנו'.

### אל נא תהי מריבה - אַנטלויפן פון מחלוקת

**מיר** לייענען אין דער היינטיגער סדרה (יג, ח) 'ויאמר אברם אל לוט, אל נא תהי מריבה ביני ובינך וגו' כי אנשים אחים אנחנו'.

**זאָגט** דער של"ה הקדוש זי"ע (פ' לך, אות לג), איך האָב געהערט אַ מליצה, אברהם אבינו האט געזאָגט 'מריבה' - אַ לשון נקיבה, און נישט 'אל נא תהי ריב' - אַ לשון זכר, ווייל עס האָט זיך דאָך שוין געהאַט אָנגעהויבן אַ קריגעריי צווישן די פּאַסטוכער, וועגן דעם האָט אברהם אבינו ע"ה געזאָגט, למען השם, זאָלן זיך אָפּשטעלן די קריגערייען און עס זאָל נישט געבוירן ווייטער, אַזוי ווי אַ מחלוקת וואָס טוט זיך ליידער שטענדיג פאַרמערן[כ].

---

זאָגט דער גאון, אַז דער אויבערשטער האָט באַשאַפן 'צוויי טירן': איין טיר אין הימל, און איין טיר אין האַרץ פון דעם מענטש, און **ווען מרדכי האָט אָנגעקלאַפּט אויף די אונטערשטע טיר און רחמנות געהאַט אויף אַנדערע מענטשן, זענען די 'טויערן' אין הימל געעפענט געוואָרן.**

**כ.** ווי ווייט מ'דאַרף זיך היטן נישט צו פאַרשעמען אַנדערע מענטשן ח"ו, קען מען זעהן פון די ווערטער פונעם 'אור החיים' הקדוש זי"ע, אויפ'ן פּסוק אָנהייב היינטיגע סדרה (יב, א) 'ויאמר ה' אל אברם לך לך מארצך וממולדתך ומבית אביך', אַז דער אויבערשטער האָט געוואָלט אַז אברהם אבינו ע"ה זאָל אַרויסגיין אַליין פון זיין פאָטער'ס הויז, אָן דעם אַז עס זאָל מיטגיין מיט איהם עמיצער פון זיין משפחה, אָבער לוט האָט זיך 'אָנגעקלעבט' אין איהם און **אברהם אבינו ע"ה האָט איהם נישט אַוועקגעשטופּט ביז ער וועט געפונען אַן אויסרייד, כדי איהם נישט צו פאַרשעמען'.**

**אַזוי** שרייבט שוין דער 'אלשיך' הקדוש זי"ע, אַז לכאורה דאַרף מען פאַרשטיין וואָס אברהם אבינו ע"ה האָט געזאָגט 'אל נא תהי מריבה', ווי האָבן זיך דאָך שוין פריער געקריגט, ווי עס שטייט בפירוש אין פסוק (פסוק ז') 'ויהי[כא] ריב בין רועי מקנה אברם ובין רועי מקנה לוט'? נאָר ביז יעצט איז נאָר געווען אַ 'ריב' - אַ קלענערע קריגעריי, און אברהם האָט געבעטן אַז דער 'ריב' זאָל נישט פאַרוואַנדלט ווערן אין אַ גרויסע 'מריבה', וואָס איז 'פרה ורבה' און עס פאַרשפּרייט זיך מער און מער[כב].

**אָפּט** מאָל זעהט מען אַז אַ מחלוקת טוט זיך אויסשפּרייטן אויף אַן אופן וואָס אויב מ'וואָלט געדענקט דעם אָנהייב און דעם שורש פון די מחלוקת, וואָלט מען שוין לאַנג שלום געמאַכט, נאָר וויבאַלד מ'האָט צוגעלייגט 'קש ותבן' צו די קריגעריי, טוט דאָס פייער ווייטער פלאַקערן און עס פאַרלענדט רח"ל יעדן גוטן חלק אינעם מענטש. 'והמשכיל בעת ההיא ידום' - דער מענטש וואָס האָט שכל, שווייגט אין אַזאַ צייט, אַז דאָס פייער פון מחלוקת זאָל זיך נישט אויסשפּרייטן מער און מער[כג].

**דער** אויבערשטער זאָל העלפן, ער זאָל אונז אויסלייזן פון גלות, ויקבץ נדחינו מארבע כנפות הארץ, און מיר זאָלן זוכה זיין צו אַך טוב וחסד ברחמים מגולים, בביאת גואל צדק במהרה בימינו אמן.

---

און דער 'אור החיים' הקדוש טוט עס אויפווייזן פון דעם וואָס מ'זעהט אַז באַלד נאָך דעם ווי די פאַסטוכער פון אברהם האָבן זיך געקריגט מיט די פאַסטוכער פון לוט, האָט אברהם אבינו ע"ה איהם געזאָגט, 'הפרד נא מעלי'. דאַרף מען פאַרשטיין, ווי אַזוי האָט אברהם איהם אַזוי שטאַרק דערווייטערט, נאָר וויבאַלד ער האָט כסדר געטראַכט ווי אַזוי איהם אָפּצוטיילן פון זיך, אַזוי ווי דער אויבערשטער האָט איהם באַפוילן, דעריבער, **באַלד ווען ער האָט געפונען אַ סיבה דערפאַר האָט ער איהם אָפּגעשטופּט מיט ביידע הענט**.

ער ברענגט אויך אַ ראיה פון דעם פסוק (יג, יד) 'וה' אמר אל אברם **אחרי הפרד לוט מעמו**, שא נא עיניך' וגו', זעהט מען פון דעם אַז **דער אויבערשטער איז 'געזעסן און געוואַרט'** ביז לוט וועט זיך אָפּטיילן פון אברהם, כדי צו ווייזן פאַר אברהם דאָס לאַנד וואָס ער האָט איהם געזאָגט אין אָנהייב ווען ער האָט זיך באַוויזן צו איהם, 'אשר אראך', און ער האָט איהם נישט געוויזן ביז יעצט ווען לוט האָט זיך אָפּגעטיילט וכו'.

זעהען מיר פון דעם אַ מורא'דיגע זאַך, אַז דער אויבערשטער האָט באַפוילן פאַר אברהם ער זאָל פאַרלאָזן זיין פאָטער'ס הויז און ער האָט איהם אויך פאַרזיכערט אַסאַך טובות, און פונדעסטוועגן, האָט אברהם נישט אַזוי געטוהן **כדי נישט צו פאַרשעמען לוט, און כאָטש וועגן דעם האָט ער נישט זוכה געווען אַז דער אויבערשטער זאָל זיך באַוויזן צו איהם**, און ער זאָל נישט מקיים זיין די הבטחה פון 'אשר אראך', פונדעסטוועגן, איז ווערד געווען פאַר אברהם אבינו ע"ה שאָדן צו האָבן, **אַבי נישט צו פאַרשעמען אַ צווייטן..!**

**כא.** דער 'אגרא דכלה' זאָגט, אַז דאָס וואָרט **'ויהי'** איז פון לשון **'וי היה'**, עס איז געווען אַ ווייטאָג אַז זיי האָבן זיך געקריגט, ווי איבעראל וואו עס איז דאָ אַ מחלוקת איז דאָ אַ 'ווי', און פאַרקערט, דאָרט וואו עס איז דאָ שלום, איז דאָ שמחה און חדוה, און זיינע הייליגע ווערטער דאַרפן נישט האָבן קיין שום תוספת און ביאור...

**כב.** אַ איד האָט אַמאָל געפרעגט זיין רבי'ן, כ"ק הרה"צ רבי אשר פריינד זצ"ל, די פאָלגענדע שאלה: איך בין געוואָרן פאַרפּלאָנטערט אין אַ געלט סכסוך, איז כדאי פאַר מיר צו רופן יענעם צום בית דין, אָדער איך זאָל ענדערש מוותר זיין אויף אַלע תביעות וואָס איך האָב צו יענעם, און שאָדן האָבן דאָס געלט. האָט רבי אשר איהם געהייסן אַוועקוואַרפן אַלע טענות און מוותר זיין פאַר יענעם.

דאַן האָט רבי אשר צוגעגעבן, אויב דו וועסט האָבן פאַר זיך צוויי ברירות, זיך אַריינצולאָזן אין אַ מחלוקת אָדער צו לויפן צום 'הייווע' ווען עס קומט דיר אַנטקעגן אַ 'טראַק' וואָס פאָרט שנעל, ממש הונדערט מייל אַ שעה - זאָלסטו ענדערש שפּרינגען אויפ'ן שאָסיי, ווי איידער זיך אַריינצולאָזן אין אַ קריגעריי, ווייל **דער 'טראַק' האָט 'ברעיקס' זיך אָפּצושטעלן אינמיטן 'פליהען', אָבער מחלוקת טוט זיכער אַוועק'הרג'ענען חלילה דעם וואָס באַשעפטיגט זיך דערמיט** (קונטרס 'מעט מן האור' - ספינקא).

**כג.** מורא'דיגע ווערטער, האָט געזאָגט דער הייליגער רבי פון לובלין זי"ע: **ס'איז בעסער צו לעבן בשלום מיט זיין חבר אפילו אויב ס'איז פאַלש, ווי צו זיין אין אַ מחלוקת מיט זיין חבר, כאָטש ס'איז מיט אַן אמת.** (געברענגט אין ספר 'אור הנפלאות', כח, און אין 'אבני זכרון', ערך מחלוקת)